יודען, העלפט די קרבנות פון די היטלעריסטישע רדיפות!

...טער יאָהרגאַנג.

№ 32

...płacona ryczałtem.

פרייז 20 גראָשען.

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַבאָנעמענט-פרייז פאַר א מאָנאַט...: [illegible]

ערשיינט יעדען פרייטאָג.

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: אַלעע 6. – טעלעפאָן 201.

אַנאָנסען-פרייז: [illegible]

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek d. 4 sierpnia 1933 | ליכט-צינדען 7,10 | פרייטאָג, פ' ואתחנן י"ב אב תרצ"ג.

3 אַלע רעליגיעזע יודען שוקלים 3

דאַרפען שטימען פאַר דער ליסטע פון

„מזרחי" נר. 3 „מזרחי"

5 בלאָק פאַר'ן אַרבייטענדען ארץ-ישראל. 5

מאָרגען, שבת ד. 5 ד. ח. 4 נאָכמ. אונטער'ן פרייען הימעל אויפ'ן הויף פון דער ליגע קאָפּערניקאַ גאַס קומט פאָר

א מאַסען-מיטינג

געווידמעט די וואַהלען צום 18 ציוניסטישען קאָנגרעס

עס וועלען אויפטרעטען ה"ה: פראָפ. סאַק, פראָפ. לאַוער, דר. שאַפער א"א.

אַלע שטימען זונטאַג פאַר'ן בלאָק פון ארב. א"י!

איינגאַנג פריי פאַר שוקלים.

Szkoła Koedukacyjna i Przedszkole

ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY

Egzaminy wstępne i poprawkowe rozpoczynają się dnia **16-go sierpnia** b. r.

Kancelarja (Aleja 20 II brama) przyjmuje zapisy nowowstępujących do wszystkich klas i do przedszkola (dzieci od lat 3).

DLA NIEZAMOŻNYCH ULGI

UWAGA: W b. r. szk. prowadzony będzie komplet kursu 5 kl. gimn.

פון „מזרחי" און „תנועת תורה ועבודה".

שבת פ' ואתחנן 5 א זייגער נאָכמ. אין לאָקאַל פון מזרחי, אַלעע 5, וועלען רעפערירען א. ד. ט. „די פאָרדערונגען פון רעליגיעזען נאַציאָנאַלען יודענטום צום קאָנגרעס", ה' ש. גאָלדשטיין, ה' שרגאי פון ירושלים א. א.

GIMNAZJUM

Towarzystwa Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych

z prawami szkół państwowych

Częstochowa, Dąbrowskiego 7. Telefon 11-58.

Egzaminy wstępne do klas gimnazjalnych i powszechnych odbędą się w terminie powakacyjnym w niedzielę 20 sierpnia r. b. o godz. 9-ej rano.

Uczniowie, przedstawiający świadectwa z ukończenia 6 oddziałów szkoły powszechnej zdają egzamin do III klasy (I-a nowego typu) z 2-ch przedmiotów.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja codziennie od godziny 9—1 przed południem.

Komunikat Akademickiej Młodzieży Sjonistycznej.

Podaje się do wiadomości członków, że w czwartek dn. 10 b. m. wygłosi prof. Lauer w lokalu Org. Sjon. przy ul. Kościuszki referat n. t. „Ideologja pracującej Palestyny".

Ponadto komunikuje się, że w najbliższym czasie odbędzie się sąd na marginesie powieści Struga: „Namiętny pielgrzym".

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט די געעהרטע קונדשאַפט דאָס מיין לאַנג-יעהריגע

עקספּעדיציע-ביורא

ש. ריינגאָלד

איז איבערגעטראַגען געוואָרען פון אַלעע 9

אויף פּילסודסקי גאַס № 23

און יועט ווייטער זיך די מיה געבען אַזוי ווי ביז-איצט די געעהרטע קונדשאַפט צופרידען צו שטעלען. מיט אַכטונג

ש. ריינגאָלד, פּילסודסקי 23, טעלעפ. 13-20.

ZARZĄD

Szkoły Zawodowej Dokształcającej Żeńskiej dla Terminatorek

przy ZWIĄZKU RZEM. ŻYDÓW

zawiadamia, że zapisy odbędą się codziennie od 8-go do 15-go sierpnia r. b. w kancelarji szkoły, Wilsona 18, od godziny 6 ej do 8-ej wiecz.

די פערוואַלטונג

פון דער **דערגענצונגס-שולע**

פאַר לערן-מיידלעך

ביים האַנדווערקער-פערבאַנד

מאַכט בעקאַנט, אַז איינשרייבונגען וועלען פאָרקומען יעדען טאָג פון 8 טען ביז'ן 15-טען שעפּטעמבער ה. י. אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שולע, ווילסאָנאַ 18 פון 6 ביז 8 אָוונט.

ג"ע פרימעט פון דערהיים **ראָזענבלאַט**

יונגערמאַן

איז געשטאָרבען נאָך לאַנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 69 יאָהר.

די לויה איז פאָרגעקומען דינסטאַג, ד. 1 אויגוסט 1933 (ט' לחודש אב תרצ"ג).

גלייכצייטיג דאַנקען מיר אַלע שכנים, בעקאַנטע און פאַמיליע, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערען נפטר

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע קינדער

פאַמיליעס יונגערמאַן און לייבטער

אַכטונג האַנדווערקער!

לויט'ן אינדוסטריע - געזעץ § 117–126 זענען אַלע האַנדווערקער אָהן אונטערשיעד פון פאַך פערפליכטעט

צו רעגיסטרירען זייערע לערן-יונגלעך אין עלטער ביז 18 יאָהר

אויף די אָווענד-קורסען

פאַר נישט צופאַסען זיך צו דער דערמאַנטער פעראָרדנונג דראָהט א שטראָף ביז 1000 זל. און 14 טעג אַרעסט.

די רעגיסטראַציע קומט פאָר יעדען טאָג אויסער שבת פון 5–7 אָוונט אין דער קאַנצעלאַריע פון דער האַנדווערקער שולע, גאַרנצאַרסקאַ 8–10

ראַטעוועט דאָס געזונט

די בערימטעסטע ערצטליכע וועלט-פערזענליכקייטען האָבען פעסט געשטעלט, אַז 75 ... פראַצ. קראַנקהייטען ענטשטעהען צוליב אַבסטרוקציע. ...

די בעריהמטע זייט 50 יאָהר אין דער גאַנצער וועלט **Zioła z gór Harcu Dr. Lauera** ...

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera ...

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera ...

ד"ר לאַוער ... פרייז פון א האַלב שאַכטעל 1.50 זל., א גאַנצע שאַכטעל 2.50 זל. —פערקויף אין אַפּטייקען און סקלאַד-אַפּטעקען.



URODONAL

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.

Przedstawicielstwo **Warszawa, Fredry 4.**

די פירמע

W. Bończyk i J. Wajnblum

סקלאַד פון קויהלען און קאָקס

אַלעע וואָלנאָשטשי 49. טעלעפאָן 13-39.

מאַכט בעקאַנט דער ג' קונדשאַפט, אַז נאָך א לענגערן איבעררייס ווערט ווידער געפיהרט קויהלען פון ערשטער קוואַליטעט פון די גראַבען יוליוש קאַזשימיערז וועלכע ווערען פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען.

די געפעל. בעשטעלונגען בעטען מיר צו ווענדען אויף פאָלגענדע אַדרעסען:

אַלעע וואָלנאָשטשי 49, קילינסקי-גאַס 4, גאַריבאַלדי-גאַס 5.

שנעלע און סאָלידע ערלעדיגונג!

בעמערקונג: די ערפאַהרונג האָט בעוויזען, אַז קויהלען פון דער גרובע יוליוש-קאַזשימיערז אויסוואָהל ס'איז אין פרייז עפּיס טייערער, איז עס אין דער קאַלקולאַציע פיעל ביליגער פון אַנדערע קויהלען, הויפּטזעכליך פון די, וואָס ווערען געבערענגט דורך פויערים.



נידער מיט אונזערע שונאים!

קאַראַלוכען, פּרוסאַקען און עהנליכע ווערים דאָס זענען די פערשפּרייטער פון פערשידענע, אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, מען מוז זיי גרונדליך אויסראָטען נאָר מיט דער הילף פון בעסטען ראַדיקאַלען מיטעל, וואָס פערפיהרט נישט און דאָס איז

FLURIN

פאַרקויפט אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק-סקלאַדען.

אנגעוועהטאגטע פראגען

מיר ווילען היינט בעריהרען צוויי פראגען, וועלכע זענען זעהר אנגעוועהטאגטע און מיר מוזען זיי געהעריג בעלויכטען.

קודם-כל די פראגע וועגען דעם אנטי-היטלער קאמיטעט.

…ן עטליכע חדשים ווי דער דא-… אמיטעט האט זיך קאנסטיטו-… אויסגעטיילט קאמיסיעס, וועלכע …אן געדארפט ארבייטען יעדע אויף איהר געביעט, און וואס איז פון דעם געווארען?

דער עיקר מיין איך די צוויי קא-מיסיעס: די באיקאט - קאמיסיע, וואס דארף אינפארמירען די יודישע אונ-טערנעהמער, וועלכע סחורות מען קאן אויסטוישען אויף אנדער-לענדישע און אויך פעררעגיסטרירען די יעניגע סוח-רים און פאבריקאנטען, וועלכע בעצי-הען ווייטער דייטשע סחורות און זיי שטעלען צום שאנד - סלופ און דאן די פינאנציעלע קאמיסיע, וואס דארף אונ-טערשטיצען די טשענסטאכאווער פלי-טים, וועלכע קומען וואס ווייטער אלץ אפטער און בלייבען אהן מיטלען צום לעבען און אהן עקזיסטענץ.

עס איז צו שטיל, קיינער ווייסט נישט צי דער דאזיגער קאמיטעט אר-בייט און צי ער ערפולט די פליכטען, וועלכע ער האט אויף זיך גענומען, יעדענפאלס זעהט מען נישט אין דער פרעסע קיין שום קאמוניקאטען און דאס איז דער בעסטער סימן, אז דער קאמיטעט איז נישט טעטיג.

פארוואס אייגענטליך איז עס אזוי? די היטלער-וואקכאנאליע האט זיך דאך אין דייטשלאנד נישט אבגעשטעלט, פארקעהרט, זי פערשטארקט זיך פון טאג צו טאג און אויב מיר האבען געקאנט אין אנהויב אפשר טראכטען, אז דאס איז א פאראיבערגעהענדע ער-שיינונג, איז שוין יעצט פאר אלעמען קלאר, אז דאס פערניכטען די יודישע בעפעלקערונג אין דייטשלאנד איז א פראצעס, וואס ווערט געפיהרט מיט קאלטער אויסגערעכענטקייט און סיס-טעם. פאר אונזערע אויגען ווערען די יודען אין דייטשלאנד כסדר געפלאגט און פערפאלגט און גליקליך איז דער יעניגער, וועלכער קאן זיך ארויסרא-טעווען פון דאזיגען גיהנום.

יעדער יוד אין וואס פאר א לאנד ער זאל זיך נישט געפינען, מוז דע-ריבער שווערען, אז ער זאל מיט די דאזיגע דעגענערירטע באנדיטען נישט האבען קיין שום מגע ומשא, אסור דארף זיין יעדע בעציהונג מיט דיי-טשלאנד און מיר זעהען טאקי, אז אין אנדערע לענדער ווערט די באיקאט-אגיטאציע פערשטארקט און פערפעס-טיגט.

אמת, ס'טרעפען זיך ביי אונז פער-רעטער, וועלכע ווילען אונטערהאנד-לען אין אונזער נאמען מיט די היט-לערס און דאס פאלק פערקויפען, דער ענטפער פון גאנצען יודישען פאלק דארף אבער זיין א קלארער: באיקאט ביז'ן נצחון!

און אלס אזעלכע מוזען אלע אנטי-דייטשע קאמיטעטען ובתוכם אונזער טשענסטאכאווער אנטי - היטלער קאמי-טעט, אנהויבען אויפסניי אנ'אקציע צו באיקאטירען די דייטשע סחורות.

די דאזיגע שורות שרייבען מיר מיט פערביטערונג דערפאר, ווייל ליידער האבען אונזערע יודען, וועלכע זענען להוט נאך א גראשען פערדינסט „פער-געסען” זייער הייליגע פליכט אויסצו-מיידען דייטשע אויסארבייטונגען און ווען דער קאמיטעט ווייזט זיי אויך נישט אן די קוועלען פון וואנען זיי קאנען בעציהען די סחורות, האבען זיי שוין אויך א היתר אויף דייטשע פרא-דוקציע.

דאן ווענדען זיך צו אונז טאג-טעג-ליך טשענסטאכאווער לאנדסלייט, וועל-כע האבען געמוזט ענטלויפען פון דיי-טשלאנד, וואו זיי האבען געלעבט א סך יאהרען, האבען דארט איבערגע-לאזט זייער האב און גוטס און אין בעסטען פאל האבען זיי דערפאר בע-קומען גראשענס, ווילען זיי, אז מען זאל זיי ארויסהעלפען, כדי זיי זאלען זיך קאנען דא איינארדנען, אדער אז זיי זאלען קאנען עמיגרירען קיין פא-לעסטינא.

עס איז דאך נישט קיין שום ספק, אז אונזער חוב איז קודם-כל, דאס פון די געזאמעלטע געלדער זאלען געני-סען די פוילישע יודען און אין דער ערשטער רייהע אונזערע טשענסטאכא-ווער לאנדסלייט, אבער אויך אויף דעם געביעט ווערט די זאך פערנאכלעסיגט.

ובכן. ווענדען מיר זיך צו דעם אנ-טי-היטלער קאמיטעט אין אונזער שטאדט, אז ער זאל ארויסגעבען א קאמוניקאט און געבען פאר דער ברייטער עפענטליכקייט א קלארען ענטפער ווי עס האלט מיט זיין טעטיגקייט.

מיר מיינען, אז ס'איז נאך נישט געקומען די צייט פון... ליקווידאציע, ווייל מיר געפונען זיך נאך אין א גרויסער צרה און די ארבייט דארף פערשטארקט און פערדאפעלט ווערען.

די צווייטע פראגע, וואס מיר ווילען בעריהרען, זענען די וואהלען צום ציוניסטישען קאנגרעס, וואס קומען פאר צום צווייטען מאל דעם קומענדיגען זונ-טאג.

געגנוג חרפות און בזיונות האבען אונז פערשאפט די וואהלען, וואס זע-נען פארגעקומען דעם 23-טען יולי. צו שאנד און צו שפאט האבען מיר זיך געמאכט סיי פאר יודען און נאכמעהר פאר די קריסטען. דארף דעריבער זיין די אויפגאבע פון די פארטיי-פיהרער זיך צו בעמיהען, אז דאס מאל זאל עס כאטש אדורך רוהיג און שטיל.

מיר לעבען איבער זעהר שווערע צייטען. די ארץ-ישראל אדמיניסטראציע פיהרט איהר ארץ-ישראל פאליטיק נישט לויט אונזער פערלאנג, נאר לויט דעם ווילען פון די אראבער. און כדי מיר זאלען קענען האבען א ווירקונג אויפ'ן גאנג פון דער דאזיגער פאליטיק, מו-זען מיר וועניגסטענס זיין פעראייניגט און מיט געמיינזאמע כחות שטעהן שטאהל און פעסט פאר אונזערע גע-רעכטע פאדערונגען. דאס קאן אבער נישט געשעהען, ווען מיר אליין זענען צושפליטערט און צובראכען.

אויפ'ן 18-טען ציוניסטישען קאנגרעס איז נויטיג א איינהייטליכע, קאנסאלי-דירטע איינשטימיגקייט. און ווען חס ושלום עס וועט קומען צו אזעלכע סצענעס, וועלכע זענען געווען ביי די וואהלען, וועט עס נאר זיין אייל אויף די רעדער פון אראבישען און ענגלישען וואגען.

זאל מען פערגעסען וועגען די אי-נערליכע חלוקי-דעות, זאל מען געדענ-קען, אז לגבי דעם אויסערליכען פיינד מוזען מיר אלע זיין פעלזען-פעסט פער-אייניגט.

מיר מוזען פאדערן, אז ענגלאנד זאל מקיים זיין די הבטחה פון דער באל-פור-דעקלאראציע און אויב מיר וועלען אינעווייניג זיין צובראכען וועלען זיי דאס אויסנוצען געגען אונז.

ס'איז שוין צייט. אז די אינעווייליכע ארומרייסענישען זאלען אויפהערען און דאס דארפען מיר אנהויבען בעווייזען ביי יעדער קלייניגקייט.

זונטאג דעם 6-טען ד"ה קומען פאר אין מעהרערע שטעדט אין פוילען דע-רונטער אויך ביי אונז אין טשענסטא-כאוו, נאכאמאל וואהלען.

זאלען דעריבער די וואהלען, וועל-כע זענען דא ערשט נישט לאנג פאר-געקומען און זיך אויסגעצייכענט מיט זייער העסליכקייט, זיין פאר אונז א לעהרע, אז דאס איז מיאוס און איז נאר עלול ארייצוברענגען א תוהו ובהו אין אונזער מחנה און זאל מען דאס אויף להבא אויסמיידען.

ס'איז שוין צייט, אז מיר זאלען די גלות - פסיכאלאגיע, וואס שטיצט זיך אויף קריגערייען און מחלוקות, פער-ווארפען און אנהויבען א ניי און שע-נער לעבען.

זאל מען דאס פרובירען צו בעוויי-זען זונטאג, דעם 6-טען.

ב—ן

פון דער וואך.

— אין ענגלישען פארלאמענט האט דער קאנסערוואטיווער דעפ. קאמאנ-דאר לאקער - לאמפסאן ארייגעטראגען א געזעץ-פראיעקט, וואס זעהט פאר „דאס פערברייטערן די מעגליכקייטען פון בירגערשאפט פאר יודען, וואס וואוינען מחוץ דער בריטישער אימ-פעריע” מיט בעזונדערע בעריקזיכטי-גונג פון דייטשע יודען. דער געזעץ-פראיעקט זעהט פאר די מעגליכקייטען צו ערטיילען די א"י-בירגערשאפט אלע יודען, וואס זענען בערויבט פון ביר-גערשאפט אין וועלכען ס'איז לאנד.

דער געזעץ-פראיעקט פון קאמאנדאר לאקער-לאמפסאן איז אנגענומען געווא-רען אין דער ערשטער לעזונג.

— אין לאנדאן איז געשטארבען אין עלטער פון 64 יאהר דער בעריהמטער יודישער מאלער לעאפאלד פיליכאווסקי וועלכער שטאמט פון זאדזין, קאלישער קרייז. פיליכאווסקי'ס בילדער געפינען זיך אין פיעל עפענטליכע גאלעריעס אין דער גאנצער וועלט. זיין לעצט וועלט-בעריהמט ווערק איז „די עפנונג פון דער ירושלים'ער אוניווערזיטעט”. פיליכאווסקי האט די לעצטע יאהרען געלעבט אין לאנדאן און איז געווען פרעזידענט פון דער פעדעראציע פון פוילישע יודען אין ענגלאנד. ער איז געוועזען א נאציאנאלער יודישער קינ-סטלער און אנ'עסקן מיט א ווארים יו-דיש הארץ.

— דאס דייטשע אינערן-מיניסטעריום האט פערעפענטליכט א בעפעהל, לויט וועלכען ביי אלע מזרח-אייראפעאישע יודען, וועלכע האבען זיך נאטוראלי-זירט אין דייטשלאנד אין משך פון די לעצטע 15 יאהר, ווערט די דייטשע בירגערשאפט צוריק צוגענומען. עס ווערט בלויז פאראויסגעזעהן אנ'אויס-נאהם פאר דער זעהר קליינער צאהל מזרח-יודען, וועלכע האבען זיך בעטיי-ליגט אין דער מלחמה, קעמפענדיג אויף דער דייטשער זייט.

— דער יודישער גובערנאטאר פון שטאדט ניו-יארק, קאלאנעל הערבערט לעהמאן, זאל נאמינירט ווערען אלס פינאנס-מיניסטער פון די פעראייניגטע שטאטען. ס'איז נאך דערווייל נישט בעוואוסט ווען די נאמינאציע וועט פארקומען.

— דינסטאג, ד. 1 ד. ח. איז גע-עפענט געווארען פאר אלע האנדעלס-שיפען דער נייער פארט אין חיפה. די אפיציעלע עפענונג דורכ'ן הויך-קאמי-סאר זאל פארקומען ערשט שפעטער.

א בעדואינער איז בעפאלען און גע-שטאכען דעם מיטגליד פון „השומר-הצעיר” יעקב פישמאן פון דער קאלאניע קרקור, בעת ער האט שפאצירט מחוץ דער קאלאניע. זיין צושטאנד איז נישט קיין געפעהרליכער.

— די מכביאדע פון די באלטישע לענדער — פינלאנד, עסטלאנד, לעט-לאנד און ליטע — וואס איז בעשטימט געווארען אויפ'ן 3 ד. ח. אין טאלין, איז אבגעלעגט געווארען ביז א נאך נישט בעשטימטען טערמין צוליב דעם אבזאג פון פינלענדישען „מכבי” צו בעטייליגען זיך אין דער „מכביאדע”.

— די אנטי-יודישע העצע אין בער-לין האט אין די לעצטע טעג אנגענו-מען א כאראקטער פון א פאגראם-אגי-טאציע, גאנץ בערלין איז פערפלייצט געווארען מיט פלוג-בלעטלעך און בראשורען פון אנ'אונגעוועהנליך גיפטיגען אנטיסעמיטישען אינהאלט, דורך וועל-כע די בעפעלקערונג ווערט אפען גע-רופען צו פאגראמירען יודען. די דאזי-גע אגיטאציע האט געמאכט א קאלא-סאלען רושם אויף אלע אויסלענדער, וואס געפונען זיך אין בערלין.

— אין דער ערשטער וואך פון אק-טאבער וועט פארקומען אין לאנדאן אונטער'ן פארזיץ פון סער ראבערט מאנד, א ברודער פון פערשטארבענעם לארד מעלטשעט, אנ'אלוועלטליכע קאנ-פערענץ צו קאארדינירען די טעטיג-קייט פון די פערשידענע יודישע אנטי-היטלעריסטישע קאמיטעטען אין אלע לענדער אויף דער וועלט.

(14

די לעצטע טעג פון יהודה.

היסטארישער ראמאן פון ה. פ. שומאכער.

(פארטזעצונג)

— דו קאנסט זאגאר נישט די מענ-שען, וועלכע דו רופסט אן המון. דאס איז נישט דער רוימישער המון, וועל-כער פאדערט בלויז ברויט און פער-ווײלונגען. אונזער פאלק איז הונגעריג צום לעבען, צו גאט'ס גייסט, צום אמת! נאר צו וואס זאל איך מיט דיר ווע-גען דעם רעדען? דו וועסט דאך דאס נישט פערשטעהן! דו ביזט שוין נישט קיין יוד, ווייל רוים האט דיך פאר א שקלאף געמאכט, גענוי ווי זי מאכט פון יעדען מענש, וועלכער געהט צו איהר נעהנטער צו. דו פערשטעהסט שוין נישט קיין ערהאבענס, דו זוכסט נאר דעם שמייכעל אויף דעם רוימערס ליפען. איך וועל אבער מיט אייך אין דער בלאטע נישט געהן! ווי א הונד וועל איך בעסער איבער די גריבער לויפען, אין די היילען זיך בעהאלטען און נישט קושען די האנד, וואס שלאגט מיך!

מיט צארן האט זי זיך אבגעווענ-דעט פון איהר ברודער, וועלכער איז געזעסען ווי צוטומעלט. פלוצלונג הא-בען זיך דערהערט טריט, דאס איז גע-גאנגען די רוימישע ארמעע, וועלכע האט געזאלט בעגלייטען אספסייאנוס'ן צום בארג כרמל. אגריפא האט זיין קאפ ארויסגעלאזט, ער האט פלוצלונג דערזעהן פאר זיך דאס בילד, וועלכעס ער האט שוין אין רוים געזעהן.

ער איז נאך דאמאלס א קינד גע-ווען און אין רוים געלעבט. דאן האט מען געבראכט עפיס א פערזאן, וועל-כער איז געשטאנען אין דער שפיץ פון א מרידה אין איינעם פון די לענ-דער. דער מענש איז געווען הויך, גע-זונד און אויף זיין געזיכט האט א מאגנעטישער שטאלץ געשפילט. אין עטליכע וואכען ארום, נאכדעם ווי ער האט אין גרוב פערבראכט איז ער גע-ווארען ווי א שאטען, קראנק, דער-שלאגען און גלייכגילטיג צו אלץ אין דער וועלט. דאן האט מען איהם גע-בינדען די הענד, צוגעבינדען צו אנ'-עק פון א פערד און איהם ארומגע-שלעפט איבער די גאסען פון רוים. דער המון איז איהם נאכגעלאפען, גע-ווארפען מיט שטיינער, געוויצעלט זיך. אזוי ארום האט מען איהם צוגעבראכט ביז צו דער סקאלע ביים קאפיטאליום. ער האט דערזעהן דעם אבגרונד אונ-טער זיינע פיס און ארויסגעלאזט א ביטערן געשריי. אין א ווײלע ארום האט דאס פרעהליכע רוים אויך ארויס געלאזט א געשריי פון פרייד, ווייל איינער פון איהרע פיינד איז צושמע-טערט געווארען.

וועט דאס נישט זיין דער גורל פון אגריפא, נאכדעם ווי מען האט ארעס-טירט זיין סעקרעטאר אלס מורד?

אגריפא האט געציטערט פון שרעק און מיט א דערשטיקטער שטים אויס-געשריען:

— איצט בין איך פערלוירען!

בירעניקה האט בעמערקט דעם אי-נערליכען קאמף, וועלכער איז פארגע-קומען אין אגריפא'ס הארץ. זי האט זאגאר מיט איהם מיטגעליד געהאט, ווייל אין דער ווירקליכקייט האט זי געליבט איהר ברודער. טיעף אין הארץ האט זי אבער געהערט א שטים, א ווייטע שטים פון דער ערד - טיעפעניש פון דעם הימעל, פון אלע פיער זייטען און זי האט דייטליך געהערט דעם אויס-רוף:

— דבורה!

— פייגלינג—האט זי שטיל, נאר מיט פעראכטונג געזאגט:

ער האט דאס געהערט און א ווי-לע האט זיך איהם געוואלט ווארפען אויף דער פרוי, וועלכע האט איהם געוואגט צו בעליידיגען. ער איז אויפ-געשטאנען פון זיין ארט, נאר באלד האט ער זיך אראבגעלאזט אויף די קניען און אנגעהויבען צו וויינען.

בירעניקה האט איהרע אויגען נישט געגלויבט, זי האט זיך גארנישט גע-קענט גלויבען, אז דער קעניג, וועל-כער האט אייביג זיך געיאגט נאך כבוד, קריכט איצט פאר איהר ווי א ווארם און וויינט ווי א קינד, וועלכעס מען האט געשלאגען.

— א, ווען איך זאל איצט זיין א מאן—האט זי מיט בעס אויסגערופען און געקריצט מיט די ציין. און צוליב דעם מענש, צוליעב דעם טויגעניכטס זאל איך מיין עהרע מקריב זיין. דאס וועט קיינמאל נישט געשעהן, ווי דבורה וועט זי אויף טויטע קערפערס טרעטען פארווערטס, ווייטער...

מיט קראפט האט זי איהם פון זיך אבגעשטויסען און צוועקגעקוקט אהין צו דער טהיר, גלייך זי וואלט פאר זיך געזעהען דעם קראנקען יונגען-מאן. דערנאך האט זי מיט אויפרעגונג גע-זאגט:

— געגנוג געוויינט! נאך היינט פער-לאז איך עכו!

און א הארצרייסענדע שטים האט זי דערהערט:

— בירעניקה!

זי האט אבער גארנישט געזעהן און ארויסגעגאנגען דורך דער טהיר. זי האט געוואלט צורופען דעם פער-וואלטער און איהם בעפעהלען צוגריי-טען אלץ צו דער רייזע. פלוצלונג האט זי דערהערט טריט פון אנ'איי-לענדען מענש.

בירעניקה האט אויפגעהויבען דעם קאפ און דערזעהן פאר זיך א רוימי-שען אפיציר און זיין אויסזעהן איז גע-ווען ווי פון א קאנסול. דער אפיציר האט זיך פערנייגט און מיט אנ'אויפ-גערעגטע שטים אויסגערופען:

— ענטשולדיגט מיר, קעניגין, אויב איך האב געוואגט קומען אהער, נאר איך האב זעהר א וויכטיגע זאך צו אייער ברודער, צום קעניג און ביי איהם אין פאלאץ האב איך איהם נישט געפונען.

ווען אגריפא האט דערזעהן דעם רוימישען אפיציר האט ער אנגעהויבען צו ציטערן פון שרעק, צי איז דאס שוין נישט דער ערשטער רוימישער שליח, וועלכער איז געקומען נעמען אין איהם נקמה אלס א פעלשער.

— פלאוויאוס סאבינוס—האט אגריפא מיט שרעק אויסגערופען—קומט איהר אין נאמען פון אייער פעטער אספסיי-נוס?...

— זאל גאט היטען, אז מיין פעטער זאל געוואויר ווערען, אז איך בין דא געווען! ער האט זיך ארומגעזעהן און בעמערקענדיג דעם פערוואלטער האט ער שטיל געפרעגט:

— קאן מען זיך אויף איהם פערלא-זען?

— בלייבט רוהיג—האט בירעניקה גע-ענטפערט און געגעבען א צייכען דעם פערוואלטער זיך שטעלען ביי דער טהיר און קיינעם נישט ארייגלאזען.

דערנאך האט זי דעם רוימער איינ-געלאדען צו זיך אין צימער אריין.

איהר וועט געוויס זיך וואונדערען—האט סאבינוס אנגעהויבען—אז איך, א רוימער, קום צו אייך בעטען רחמים פאר יודען.

— אגריפא האט איהם איבערגע-שלאגען די רייד און געזאגט:

— איך האב מורא, סאבינוס, אז דאס מאל וועל איך נישט קענען טהון אייער בקשה. פערגעסט נישט, אז איך אליין בין אויך נישט ריין פון דער מסירה, וואס מ'האט אויף מיר איבער-געגעבען אספסיינוס'ן.

— אבער זאל ער ענדיגען—האט בי-רעניקה געזאגט—ווילען מיר וויסען וואס עס האט געבראכט דער אפיציר. פלא-וויאוס, דער ניכטע פון רוימישען פעלד-הער, צו קומען בעטען פאר די פיינד פון רוים.

דער יונגער אפיציר איז רויט גע-ווארען אונטער דעם דורכדרינגליכען בליק פון דער קעניגין.

— נאך מעהר וועט איהר וואונדערן — האט סאבינוס פארטגעזעצט — ווען איהר וועט ערפאהרען, אז די פערזאן פאר וועלכער איך בעט אייך, האט שוין נישט איינמאל געזינדיגט נישט בלויז געגען אונז, נאר אויך געגען אייך און אייער קעניגליך הויז.

— ווי הייסט ער דען?—האט בירי-ניקה מיט א ציטערענדע שטים גע-פרעגט.

א ווײלע האט פלאוויאוס זיך פער-טראכט, ער האט געצווייפעלט צי ער זאל זאגען אדער שווייגען. דערנאך האט ער בעשלאסען זיין געהיימניש צו ענטדעקען:

— יוחנן פון גוש חלב!

(פארטז. קומט).

י. ל. פויגעל.

ציפּריאַן קאַמיל נאָרוויד.

(צו זיין 50-טען יאָהר-טאָג).

(סוף).

איך האָב שוין געהאַט די געלעגענהייט אָנצוּווייזען אויף נאָרוויד'ס בעציהונג צו דער דאַמאַלסדיגער פּוילישער געגענוואַרט, ווי אויך צו דער פערגאַנגענהייט. נאָרוויד אידעאַליזירט נישט — ווי די דאַמאַלס'דיגע ראָמאַנטיקער — די פּוילישע פערגאַנגענהייט און וואַרפט אָב די ראָמאַנטישע בעציהונג צו דער געגענוואַרט. ער האָט, טראָץ זיין מיטלעבען די דאָזיגע געשעהענישען, געקוקט אויף זיי פון דער פּערספּעקטיוו, פון וועלכער זיי זענען געזעהן געוואָרען, טיילווייז דורך אַסניק'ן און הויפּטזעכליך דורך וויספּיאַנסקי'ן און דעריבער טרעט ער אַרויס געגען דער ערוואַרטונגס - שטימונג, אין וועלכער מ'קוקט אַרויס אויף „ערדישע נסים: רעוואָלוציעס און אויף הימלישע רעוואָלוציעס: נסים" (גלות).

אַמבּולט'סטען אָבער איז דער דאָזיגער פאַקט פון אַרויספיהלען די צוקונפטיגע פאָרמען געקומען צום אויסדרוק אין נאָרוויד'ס עסטעטישע אַנשויאונגען. שוין אָבגעזעהן דערפון, וואָס ער בענוצט אין זיין שאַפונג די פאָרם פון שפּעטערדיגען סימבאָליסטישען שילדערן, אָבגעזעהען פון זיינע אונצעהליגע שטימונגס-לידער, וועגען וועלכע מיריאַם (פּרזעסמיצקי) זאָגט, אַז זיי וואָלטען נאָרוויד'ן מיט 50 יאָהר שפּעטער געשטעלט אין שפּיץ פון מאָדערניזם, שוין אָבגעזעהן פון דעם אַלעם איז דאָך נאָרוויד'ס הויפּט - אידעאַל, וועלכען ער צייכענט אין זיין „פּראָמעטידיאַן", דער אידעאַל אריינצופיהרען די קונסט אין טאָג - טעגליכען לעבען, מאַכען זי פאַר אַ קנין פון גאַנצען פאָלק, אין אַלע זיינע שיכטען און קלאַסען, אַזוי, אַז „פון דער שעהנער סטאַטוּע ביז צו דער אורנע, ביז צום טעלער, צום מעסער, צום שעהנעם גלאַז, זאָל אַלעס בעלעבט זיין פון שעהנקייטס-אידעאַל, אַז פון ראַפאַעלישען גאַבעלין, ביז צום איינפאַכסטען לייוועגד זאָל זיך אַדורכוויקלען די גאַנצע גאַמע פון שעהנקייט", איז דאָך די דאָזיגע אידעע אַ פּראָדוקט ערשט פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, ווען ס'האָבען איהר געפּרעדיגט און טיילווייז אויך אויסגעפיהרט די ענגלישע עסטעטיקער מאָררים און רוסקין.

און אויך דאָ ווייזט זיך בולט אַרויס נאָרוויד'ס אָריגינאַליטעט. זיין אייגענאַרטיגקייט. אין דער צייט, ווען ביי די ענגלישע עסטעטיקער איז די אידעע פון פערבינדען די קונסט מיט'ן לעבען אַ פּראָדוקט פון זייער סאָציאַלער איינשטעלונג (ספּעציעל לאָזט זיך דאָס אָנווענדען ביי מאָררים'ן) און האָט הויפּטזעכליך פאַר די אויגען אַ פּראַקטישען ציעל, אויסצובילדען ביי די נידריגערע קלאַסען אַן עסטעטישען געשמאַק און אַזוי אַרום הויבען זייער גייסטיגען ניוואָ, אין דער זעלבער צייט זוכט נאָרוויד, דער אַריסטאָקראַט פון גייסט, גאַנץ אַנדערע, טיעפער-גרייכענדע ציעלען. ער, דער אייביגער זוכער פון סינטעזען, וויל אויך אין דער דאָזיגער אידעע געפינען דעם סינטעז פון אַ ר-ב י י ט און ק ו נ ס ט. די אַ ר ב י י ט, אויב זי איז נישט בעהויכט מיט דער נשמה פון ק ו נ ס ט ווערט זי — לויט נאָרוויד'ן — פערוואַנדעלט אין אַ נויטווענדיגער פאַטאַליטעט, וועלכע פערטיעפט וואָס אַמאָל מעהר דעם תהום צווישען ג ע ד אַ נ ק און ט ה אַ ט.

נאָרוויד שטרעבט דערצו, אַז די קונסט זאָל ווערען „דאָס העכסטע האַנדווערק און די נידריגסטע תפלה".

— — — — —

איינע פון די הויפּט - שטריכען פון נאָרוויד'ס שאַפונג, וועלכע שלאָגט זיך אַדורך אין זיין גאַנצען געדאַנקען-גאַנג און וועלט-אַנשויאונג, ווי אַ רויטער פאָדים, איז דאָס פערבייגען די פאָרם פאַר'ן אינהאַלט.

אַליין מייסטער פון דריי פאָרמען: וואָרט, קאָליר און געשטאַלט, בלייבט נאָרוויד דאָך קיינמאָל נישט פערשקלאַפט צו אַ געוויסער פאָרם. זיין פּרער וואַקסענדער אינהאַלט ראַנגעלט זיך אָהן אויפהער מיט דער הינטערשטעליג געבליבענער פאָרם, וועלכע בייט זיך טאַקי אָפט ביי איהם און גיט זיך אונטער געהאָרכזאַם זיין מייסטערישער האַנד.

לעבען—הייסט לויט נאָרוויד'ן—גרייכען פון אַ נידריגערער פאָרם צו אַ העכערער. דער מענשליכער גייסט איז אַנ"אייביגער רעוואָלוציאָנער" און ווען ער בלייבט שטעהן ביי אַ געוויסער פאָרם, הויבט זיך אָן זיין גלות, זיין פערשקלאַפונג. „ביים יחיד הויבט זיך אָן די פערשקלאַפונג, ווען דער קערפער,—ביים פאָלק, אויב די רעגירונגס-פאָרם, ווען זי זאָל אפילו זיין די בעסטע אויפ'ן ערד - קוגעל, ווערען פערוואַנדעלט אין אַ ציעל". „פריי-הייט — זאָגט נאָרוויד—הייסט פערדרייען די פאָרם, מיט דער הילף פון ציעל".

און מערקווירדיג! נאָרוויד, דער עסטעטיקער, זוכט אפילו אין דער שעהנקייט, אין דעם דאָזיגען אַבסאָלוטען קעניגרייך פון פאָרם' אויך וואָרט? זוכט ער אינהאַלט. פאַר נאָרוויד'ן ליגט די שעהנקייט פון אַ קונסטווערק אין דער מאָס ליעבשאַפט, וועלכע דער קינסטלער האָט דערין אריינגעלעגט און וועלכע שפּיגעלט זיך אָב אין געשאַפענעם ווערק. „די שעהנקייט—זאָגט נאָרוויד קורץ און בינדיג אין „פּראָמעטידיאַן"—איז די פאָרם פון דער ליבע, וועלכע זוכט אַ פערקערפּערונג". וואָהרשיינליך איז פאַר נאָרוויד'ס אויגען געשטאַנען די גריכישע לעגענדע וועגען פּיגמאַליאָן, וועלכער האָט זיך פערליעבט אין דער פון איהם געשאַפענער פרויען-סטאַטוע און וועלכע אַפראָדיטע, די געטין פון ליעבע, האָט געמוזט פאַר איהם לעבעדיג מאַכען. נאָרוויד האָט די דאָזיגע לעגענדע דערהויבען צו דער מדרגה פון אַ סימבאָל.

צוליעב דעמזעלבען טעם ליגט נאָרוויד דאָס הויפּט-געוויכט אויף דער אינערליכער, נשמה'דיגער בעציהונג פון קינסטלער צו זיין ווערק, ווייל דאָס גאַנצע ווערק איז נישט מעהר, ווי אַן אָבשפּיגלונג פון דער דאָזיגער בעציהונג. פונדאַנען פליסט אויך אַרויס נאָרוויד'ס פּאָזיטיווע אָבשאַצונג פון דער פאָלקס-שאַפונג.

דער דאָזיגער בליק אויפ'ן פאָלק איז אָהן ספק אַ פּראָדוקט פון ראָמאַנטיזם, אָבער ווייל דער אויסגאַנגס-פּונקט איז ביי נאָרוויד'ן געוועזען אַנ'אַנדערער, ווי ביי די ראָמאַנטיקער, האָט אויך זיין עצם פּאָזיטיווע בעציהונג געטראָגען אַנ'אַנדערן כאַראַקטער.

ביי די ראָמאַנטיקער איז דאָס פאָלק געוועזען דער קוואַל פון געפיהל און נאַאיווען גלויבען. אַראָבלאָזענדיג זיך צום פאָלק האָבען די ראָמאַנטיקער געזוכט אין דער פאָלקס-לעגענדע זייער אמת, דעם אמת פון מענשליכען האַרץ, וועלכעס איז פאַר זיי, פאַר די ראָמאַנטיקער געוועזען דער אורים ותומים פון דיכטערישער שאַפונג. און דעריבער דרוקט זיך דער איינפלוס פון דער דאָזיגער ריכטונג הויפּטזעכליך אויס אין פּאָעטיש-פאָלקסטימליכע ווערק ווי באַלאַדען, פאָלקסטימליכע מנהגים, אַלס לייט-מאָטיווען פון ווערק א. ד. גל.

ביי נאָרוויד'ן איז דער אויסגאַנגס-פּונקט געוועזען אַנ'אַנדערער. נישט זייענדיג קיין אָנהענגער פון דער איבערגעוויכט פון געפיהל, פּונקט, ווי ר'איז נישט געוועזען קיין אָנהענגער פון דער איבערגעוויכט פון שכל, האָט אָבער נאָרוויד איינגעזעהן, אַז זיין אידעאַל וועגען שעהנקייט געפינט דעם בעסטען תיקון ביים פאָלק. די פאָלקס-שאַפונג איז אַנ'אונגעצווינגענע, זי קומט פון זיך אַליין. דאָס פאָלק זוכט נישט קיין ב י ל ד ע ר פאַר זיינע ג ע-ד אַ נ ק ע ן, נאָר עס דענקט ב י ל ד-ל י ך. דאָס פאָלק ש אַ פ ט נישט, נאָר עס ל ע ב ט. „בעזאַר—זאָגט נאָרוויד אין זיין „פערשקלאַפונג"—איז געוועזען דער בעסטער היסטאָריקער, ווייל ער האָט נישט דיקטירט ביי דער ביוראָ, נאָר פון פערד". נאָרוויד האָט אין פאָלק געפונען דעם פּאַסיגען באָדען פאַר זיינע עסטעטישע אַנשויאונגען און אויך דעם באַזירט זיין בעציהונג צום פאָלק.

— — —

נאָרוויד'ס לעבען איז נישט געוועזען בעציהרט מיט קיין בלומען. ער איז געוועזען דער גרויסער איינזאַמער פון זיין צייט. זיינע ווערק האָבען נישט געווינען קיין אָנערקענונג. די קריטיק, וועלכע האָט נישט פערשטאַנען, אַז צו נאָרוויד'ס ווערק מוז מען צוגעהן מיט אַנ'אַנדער מאָס, אַז מ'מוז זיי לייענען מיט אַלע פינף חושים, אָנשטרענגען דאָס אויג און דאָס אויער, דערטאַפּען די געשטאַלט און—די הויפּט - זאַך—אַז מ'דאַרף זיינע לידער „אָנצינדען מיט'ן אייגענעם געפיהל, צוטוליען זיי צום האַרץ" און ערשט דאַמאָלס וועלען די טויטע אותיות אָנהויבען פּולסירען מיט לעבען—די קריטיק, וועלכע האָט דאָס אַלץ נישט פערשטאַנען, האָט נאָרוויד'ן נישט געקענט אָבשאַצען און האָט אין זיינע ווערק געזעהן נעבעלהאַפטיגקייט און נישט-קלאָרקייט.

אויסער די מאָראַלישע יסורים, וועלכע נאָרוויד האָט צוליעב דעם געליטען, איז ער אויך אויסגעשטאַנען פיעל פיזישע יסורים. זעהר אָפט איז איהם אויסגעקומען איינפאַך צו ליידען הונגער און ווען נישט דאָס, ווי ער שרייבט אין איינעם פון זיינע בריעף וואָס „ער האָט נישט געוואָלט זיין פאָלק אָנטהון די חרפה, אַז איינער פון זיינע גרעסטע זיהן זאָל שטאַרבען פאַר הונגער, וואָלט ער נישט איינמאָל געשטאָרבען מיט אַ הונגער-טויט". די ליעבע צו זיין פאָלק האָט איהם בעוואויגען, אַז ער זאָל זיך נישט אָבזאָגען פון די נידריגסטע אַרבייטען, אַבי צו קענען אויסלעבען זיינע יאָהרען. ער האָט געאַרבייט אַלס מאַטראָז, געוועזען האָלץ-העקער א. ד. גל. אויף דער עלטער איז ער אַריינגעגעבען געוואָרען אין אַ זקנים-הויז, וואו ער איז געשטאָרבען. אַ גרויסער טייל פון זיינע ווערק זענען נאָך ביז היינט נישט פערעפענטליכט געוואָרען.

אויף איהם פּאַסען זיך אַמבעסטען די ווערטער, מיט וועלכע ער האָט בעוויינט דעם טויט פון מיצקעוויטש'ן:

דיר גלייכע האָט קיינמאָל די וועלט נישט געקענט
גלייך און רוהיג נעמען אויף איהר שויס,
ווייל ליים אין ליים קנעט זיך אָהן ענד,
ווען היפּכים קען מען צונויפקלאַפּען בלויז.

פ. בלומענקראַנץ.

וואַקאַפּאַנער מיניאַטורען.

3.

דער אָבגעזינדערטער.

ער איז געזעסען אַליין ביי אַ טישעל. נישט אָנטייל גענומען אין די שמועסען, נישט געשפּילט אין קאָרטען, נור אָבעסענדיג האָט ער זיך תיכף אַדורכגעשלייכט דורכ'ן עס - זאַל און אַרויס אין וואַלד.

די „פּלאַטקע-מאַכער" און סתם נייגעריגע האָבען זיך בעמיהט אויף פערשידענע השערות, מאַנכע האָבען פּשוט אָנגעוואוירען דאָס געדולד, אַנדערע האָבען בכלל אַוועקגעמאַכט דעם ענין.

— געהט שוין מיט חכמה'נען זיך, ער איז אַ „מרוק" ונאמר אמן.

צו די אַלע השערות האָט אָבער גענומען אַ סוף מיט'ן קומען פון אַ „גאַסט", וועלכער פאָהרט מכמה יאָהרען קיין זאַקאָפּאַנע און ער האָט דערצעהלט:

— איך געדענק עס ווי היינט—הויבט אָן אונזער נייער „גאַסט"—געווען איז עס מיט 4 יאָהר צוריק, מיר האָבען געוואוינט אין זעלבען פּענסיאָנאַט, טאַקי ווי היינט. ער איז געווען אַ פּרעהליכער בחור, געהאַט ערפאָלג ביי פרויען און געקומען שלאָפען שפּעט ביינאַכט. ער איז מעהר געזעסען אין „מאַרסקיע אָקאָ" ווי אין פּענסיאָנאַט אָדער אויף דער לופט.

מיטאַמאָל געשעהט אַ מעשה, וואָס איז עהנליך צו טויזענד אַנדערע. נור מיט טרויעריגערע פאָלגען: אַ מיידעל פון די קרעסען, אַ וואונדער - שעהנע, איז געקומען אין אונזער פּענסיאָנאַט. זי איז נישט געווען געמאַליעוועט ווי די היינטיגע פאַננעס ל"ע; זי האָט זיך נישט ראַזירט די ברעמען און געצויגען דערנאָך לאַנגע שטרייכען, זי איז געווען אַ צניעות'דיגע חסידישע טאָכטער.

אונזער בחור איז געוואָרען ווי פערכשופ'ט: אויס טרזאַסקאַ און אויס „מאַרסקיע אָקאָ", ער איז איהר פּשוט נאָכגעגאַנגען, אויסגעפּרובט אַלע מיטלען און געפאַנגען זי.

דער דערצעהלער קוקט זיך גאוה'דיג אַרום אויף זיינע נייגעריגע צוהערער און גיט איבער ווייטער:

— נור דאָ הויבט זיך ערשט אָן די עיקר-מעשה. עטליכע טעג נאָך זיין אַוועקפאָהרען איז זי ערנסט קראַנק געוואָרען, זי האָט פון אַ דערקיהלונג בעקומען שטאַרקע היץ און שווער קראַנק געוואָרען אויף די לונגען.

טראָץ די גרויסע בעמיהונגען איז די לאַגע געוואָרען וואָס אַ טאָג ערגער. די היץ האָט זיך פערשטאַרקט און זי איז געוואָרען מעהר אָבגעשוואַכט.

אָבער אין די דאָזיגע טעג האָט מען ערשט געקענט בעמערקען ווי דער יונגערמאַן האָט זיך „אַריינבעקומען" אין איהר האַרץ, ווי זי איז פּשוט פער'כשופ'ט געוואָרען, פון היץ האָט זי נור איהם גערופען. זי פלעגט זיך טיילמאָל אויפכאַפּ'ן פון שלאָף מיט אויפגעריסענע פון מורא אויגען און זוכען עפּיס אין חלל פון שטוב. דערנאָך איז זי געווען זעהר שוואַך, אַראָבגעלאָזט די הענד אויף דער קאָלדרע און געמורמעלט זיין נאָמען.

די מוטער איהרע, זעהענדיג איהר מאַטערניש האָט געשיקט נאָך איהם. ער איז געקומען צופאָהרען דעם נעכסטען טאָג און געוואָרפען זיך מיט זיין גאַנצען יוגענד-ברען און ליידענשאַפט צו ראַטעווען זי.

מיר האָבען פּשוט דעם פריהליכען לוסטיגען שטיפער נישט דערקענט. ער פלעגט זיך אַנידערזעצען ביי דער קראַנקער, נעמען איהר האַנד אין זיינער און קוקען אויף איהר מיט האַלב וואַנזיניגע אויגען.

ער פלעגט פיעל מאָל ווערען אַזוי פערצווייפעלט, אַז ער האָט צו דער קראַנקער גערעדט, אויסגע'טענה'ט זיך מיט איהר, בעת זי איז נישט געווען ביים בעוואוסטזיין.

אין מינוטען פון הילפלאָזיגקייט האָט ער זיך געוואָנדען צו אונז, פרעמדע און זיין שטימע האָט געציטערט. ער האָט אָנגעהויבען רעדען שנעל, דערנערווירט:

— איך טאָר זי נישט פערלירען. כ'האָב קיינעם נישט אויף דער וועלט. זייט כ'האָב אָנגעהויבען דענקען בין איך בעגעגענט געוואָרען מיט קאַלטע

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אודך...

טאָמער האָט איהר ווענינ געהאַט דעם ספּעקטאַקל פון די ערשט נאָך וואָס פאָרגעקומענע וואָהלען צום 18-טען ציוניסטישען קאָנגרעס, וועט איהר דעם קומענדען זונטאָג האָבען „אַ פּאַווטורושעניע" — נאָכאַמאָל וואָהלען.

אַ מזל האָט אונזער שטאָדט. אין תרפ"ב שטעדט אין שטעדטלעך פון קרוין-פוילען זענען פאָרגעקומען וואָהלען און אומעטום איז מען דאָס עסק פטור געוואָרען מיט איינמאָל. בלויז אונזער טשענסטאָכאָווע האָט די זכיה אַדורכצומאַכען די צערעמאָניע צוויי מאָל.

לעולם האָבען די צווייטע וואָהלען געדאַרפט פאָרקומען דעם פערגאַנגענעם זונטאָג, אויף וועלכע די הויפּט-וואָהל-ביוראָ האָט ספּעציעל אָהער דעלעגירט צוויי „קאָמיסאַרען", וועלכע האָבען געזאָלט פערזענליך אַדורכפיהרען די וואָהלען, כדי ס'זאָלען שוין אויסגעמיטען ווערען דער גאַנצער טומעל און אַלע אינצידענטען; צו עס וואָלט זיך זיי איינגעגעבען איז אַ צווייטע פראַגע... דערווייל אָבער האָבען די פאַרטייען אָבגעהאַלטען זיצונגען און נאָך לאַנגע בעטראַכטונגען און דיסקוסיעס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז היות: צו די וואָהלען מוז מען האָבען די געהעריגע צוגרייטונגען און פאַרברייטונגען און אַזוי ווי די גדיעה וועגען ווידערהאָלען די וואָהלען איז אָנגעקומען צו שפּעט, לכן וועלען די וואָהלען פאָרקומען ערשט דעם צווייטען זונטאָג ד. ה. אויף אונזער צייטונגס-שפּראַך דעם קומענדען זונטאָג, דעם 6 טען ד. ח.

עס איז אָבער צו האָפען, אַז דאָס מאָל יועלען די וואָהלען שוין פאָרקומען אין אַ רוהיגערע אַטמאָספערע. ווייל דער אַפּעטיט. דער ברען איז שוין אַדורך, און איבריגענס — די ליסטעס וועלען שוין פון די טשענסטאָכאָווער וואָהלען קיין סך נישט געניסען. דער נומער 5, וועלכער געהט אויפ'ן ערשטען פּלאַץ איז שוין סיי-ווי דער ערשטער, און כאַפּען נאָך אַ פּאָר שטימען, שפּילט ביי זיי נישט קיין ראָלע. זיי פיהלען זיך מעשה בירושוי, וועלכער האָט אַ פולען מייסטער און פון אַלע זייטען שיטען זיך איהם פערדינסטען, און וועגען נאָך אַ פערדינסטל פון אַ פאַר הונדערט שטימען, לוינט זיי נישט די וועלט חרוב צו מאַכען...

דאָס 6-טעל, וועלכעס געהט אויפ'ן צווייטען אָרט, וועט אויך מסתמא נישט מרעיש עולם זיין. אַ פּאָר שטימען מעהר אָדער ווייניגער, זיי וועלען שוין ס'ערשטע אָרט סיי-ווי נישט פערנעמען. דאָס זעלבע איז מיט דער „מזרחי" — זיי האָבען זייער אָרט פערנומען לויט זייער נומער. זיי האָבען זיך אויסגעקליבען דעם נומער 3, זענען זיי טאַקע אויפ'ן דריטען אָרט. דאָס איינסעל וועט יאָ אפשר וועלען כאַפּען היגע שטימען, אָבער קיין גרויס וועזען דאַרף מען דערפון נישט מאַכען...

בלייבען נאָר איבער די קליינע פּאַרטייען, ואלה הם:

דאָס 4-טעל, וועלכע האָבען אין גאַנץ פּוילען געכאַפּט זעהר ווענינ שטימען, קאָנען אפשר דאָ אין טשענסטאָכאָווע, אויב זיי וואָלטען בעקומען מעהרערע הונדערטער שטימען, סיידען, אַז די בית"ר'אָווצעס זאָלען מותר זיין אויף פּרעסטיזש און שטימען פאַר זייערע עלטערע חברים. דאָס איז אָבער נישט וואַרשיינליך, ווייל די בית"ר'אָווצעס זענען דאָך עפּיס די מיוחסים, זיי האָבען דאָך טויזענטער און טויזענטער שטימען, אַזוי אַז אויך דאָס 4-טעל וועט קיין גרויסע גליקען פון די זונטאָג'דיגע וואָהלען נישט כאַפּען.

דאָס 7-טעל, נו מילא, אַז זיי וועלען שוין כאַפּען אַביסעל שטימען, קיין ענדערונג אין זייער זיעג וועט עס שוין נישט זיין, טאָ וואָס לוינט זיך צו הרג'ענען דעריבער, גלייכער וואָלט געווען, אַז זיי זאָלען זיי אַוועקגעבען דער שוועסטער-פּאַרטיי וועלען יענע כאָטש האָבען אַ פולע שיסעל.

דאָס זעלבע איז מיט'ן צווייערל. וואָס ווילט איהר, אַז דער עולם זאָל אייך ברענגען ס'געלד אין שטוב אַריין? אַז מען אַגיטירט נישט, האָט מען נישט, פערפאַלען, היינט איז אַזאַ צייט, אַז דער וואָס מאָנט, דער, וואָס מאַכט די פּאָמפּע, דער האָט און אַז איהר זענט געווען אַזוי בעשיידען און אייערע פאַרשטעהער האָבען אפילו קיין איין מיטינג נישט איינגעאָרדענט, קיין איין פּלאַקאַט נישט געמאָלען, קיין איין באַלקאָן נישט דעקאָרירט, האָט איהר געוואָלט, אַז דער עולם זאָל זיין בעוואוסטזיניג און אַליין פערשטעהן?! ניין, רבותי, דאָס געהט נישט. איי איהר האַלט, אַז איהר זענט די ריינע, די עהרליכע כשר'ע ציוניסטען און ווילט זיך נישט אַריינלאָזען אין דעם הו-האַ, זענט איהר אפשר גערעכט, דערפאַר אָבער קיין שטימען וועט איהר נישט האָבען...

ווי איהר זעהט פון דעם אַלעם זע-

פרייע טריבונע.

— 1 —

דער זיעג פון דער ליסטע פון בלאק פון ארב. ארץ-ישראל.

נאך ווייסען מיר נישט דעם ענדגילטיגען רעזולטאט פון די וואהלען אין גאנץ קאנגרעס פוילען, אבער שוין אויפ'ן סמך פון די בעקומענע בעריכטען, קאן מען דרייסט זאגען, דאס מיר זענען ארויס מיט א זיעג פון דער וואהל-אקציע. אין קאנגרעס פוילען האבען מיר ביז - איצט בעקומען 44,5 פראצ. שטימען, אין ארץ-ישראל איבער 70 פראצענט, אין אמעריקא איבער 50 פראצענט, אין בעלגיען האבען מיר דאס ערשטע ארט, אין ליטע האבען מיר פון 11 מאנדאטען בעקומען 7, אין טשעכאסלאוואקיי זענען מיר אויפ'ן ערשטען ארט, אין דאנציג —איין מאנדאט—האבען מיר איהם גענומען, אויף דער גאנצער ערד-קוגעל, וואו עס איז נאר פערהאן א יודישער ישוב און וואו עס זענען נאר פארגעקומען וואהלען, האט געזיעגט דער רעאלער ניכטערער געדאנק, דער געדאנק, וואס בעווייזט זיינע טהאטען ביים ארץ-ישראל-אויפבוי—דאס ארבייטענדע א"י. אין טשענסטאכאוו זענען די וואהלען נישט צושטאנד געקומען, צוליעב דעם, וואס א פארשטעהער פון דער רעוויזיאניסטישער ארגאניזאציע האט פאראויסזעהענדיג זייער מפלה געוואלט פערניכטען א וואהל - קעסטעל און צוליעב דעם געהן מיר היע צום צווייטען מאל צו די וואהלען. נישט מיט קיין שרייענדע אגיטאציעס און וואהל - בלאפען קומען מיר צו אייך; עס רעדען די ציפערען פון אונזער געוואלדיגען נצחון אין דער גאנצער וועלט.

דאס פערטרויען פון איבער 70 פראצענט בעפעלקערונג אין ארץ-ישראל, וואו דער ציוניזם ווערט פערווירקליכט און וואו מען קען אבשאצען אונזערע טאג-טעגליכע מעשים.

דער גורל פון א שנעלען אויפבוי פון א יודיש ארץ-ישראל איז געפאלען אויף אונזערע פלייצעס און אזוי ווי מיר האבען ביז אהער אויסגעטראטען און אויסגעפלאסטערט א וועג פאר דער היינטיגער עמיגראציע און ענטוויקלונג פון א"י, וועלען מיר אויך ווייטער אהן אויפהער פארטזעצען אונזער קאמף פאר פערשנעלערן דעם אויפבוי פון אנ'ארבייטענד א"י.

זונטאג, דעם 6 ד. ח. וועט די טשענסטאכאווער וועהלער-מאסע דאקומענטירען איהר צוגעבינדענקייט צו די יעניגע, וואס בויען, שאפען און פערווירקליכען דאס ארבייטענדע ארץ-ישראל; צום צווייטען מאל רופען מיר און פאדערן אויף די יעניגע, וועמען עס איז הייליג און טייער דאס בויענדע ארץ-ישראל, צו שטימען און אגיטירען פאר אונזער ליסטע, פאר ז'עם בלאק פון ארבייטענדען ארץ-ישראל.

אברהם לאזשניארז

בליקען. צום ערשט פון דער שטיפמוטער! שפעטער פון די שעפען און דערנאך פון פרויען, וועלכע האבען מיך בעהאנדעלט פון סוחרישען שטאנדפונקט אלס חתונה-מאטעריאל. זי איז געווען די ערשטע, וואס איז געווען אויפריכטיג צו מיר, זי האט מיר די ערשטע געזאגט א ווארהאפטיג ווארט, בעהויכט מיט הארציגקייט. כ'האב אונטער איהר איינפלוס אויפגעהערט צו געהן אין צוקערניעס. זי האט מיר געלייטערט און דערהויבען!

ער פלעגט פלוצים בעת אזא וודוי פערשעהמען זיך פאר זיין רעדעריי פאר פרעמדע מענשען, איבעררייסען און פערשוואונדען אויף שעה'ן לאנג...

* * *

די מיידלעך האבען זיך נעהנטער צוגעשטופט, איינע אויף דער אנדערער האט געקוקט ווי מיט א פארוואורף, פארוואס זי האט באלד נישט געוואוסט אז דער ענין איז נישט גלאטיג. אז ער מוז זיין א קרבן פון דער ליעבע.

— און וואס איז געווען דער סוף — האבען זיך עטליכע געפרעגט.

—זי איז געשטארבען אין זאקאפאנע, מ'האט זי אהיימגענומען. און ער קומט אהער יעדעס יאהר אדורכצולעבען איפסניי זיין טראגעדיע, אין וועלכער ער געפונט, משמעות, א געוויסען תענוג...

— 2 —

נישט מיט דער פעדער, נאר מיט דער פויסט...

מיין חשוב'ער חבר יצחק ווארשאוער האט אין לעצטען נומער „טשענסטאכאווער צייטונג" פערעפענטליכט אנ'ארטיקעל, אין וועלכען ער אילוסטרירט די בעציהונג פון די עלטערע ציוניסטען פון „על המשמר" — צו אונז, יונגע רעוויזיאניסטען און גיט צו, אז ס'עקעלט יעדען עהרליכען ציוניסט, דאס די יעניגע זאלען זיין אונזערע ערציהער. איך פערשטעה, אז עס וועלען זיך געפונען א סך פון עלטערן דור, וועלכע וועלען הויבען מיט די אקסלען און זאגען: ווי אזוי קען דאס זיין, אז עלטער'ע מענשען זאלען טשעפען מיט יונגע. אויף יונגע דארף מען דאך קיין זכות נישט האבען און נישט אריינגעהענדיג אין דער עצם-זאך פון דעם היע געשעהענעם פאקט וועלען זיי שטענדיג בעשולדיגען די יונגע, ווייל די יוגענד—וועלען זיי טענה'ן—האט דאך הייס בלוט און דעריבער איז זי היציג, טעמפעראמענטפול און קעמפעריש.

הייסט עס אלזא, אז אומזיסט איז אונזער פערטיידיגונג? ניין, חשוב'ע ציוניסטען פון עלטערן דור, נישט פערטיידיגען וועלען מיר זיך יעצט, מיר וועלען זיך איבערהויפט קיינמאל נישט פערטיידיגען, מיר וועלען גאר בעשולדיגען און דאס אויפ'ן סמך פון פאקטען.

עלטערשטענס מוז מען איבעררייסען מיט דער פערשימעלטער סכאלאסטישער פארמול, וואס קלינגט היינט קאמיש און פאראדאקסאל: „דער וואס איז עלטער, דער איז (מישטיינס געזאגט) גערעכט"...

אט צוליעב דער דאזיגער פארמול, ערלויבען זיך די עלטערע ציונים פון „על המשמר" אויף אונערהערטע און סקאנדאליעזע מיסברויכען, וועלכע פראפאנירען די הייליגסטע געפיהלען פון ציוניסטישען כבוד און מאיעסטעט און אנשטאט שטרענג צו בעשטראפען די מענשען, וואס האבען אזעלכע קרענקליכע קאפריזען, ווערען גאר יענע נאך דורך דעם נאאיווען וועהלער-פובליקום געוועהלט אין רעפרעזענטאטיווע קערפערשאפטען.

מען וואלט זיך אייגענטליך נישט געדארפט וואונדערן אויף דעם אונערהערטען פאקט, וואס איז געשעהן היע דעם 23 יולי, ווייל קענען דען די תלמידים זיין בעסער, ווי זייער „רבי" יצחק גרינבוים, וועלכער ערלויבט זיך צו זאגען אויפ'ן יודישען מיטעלשטאנד: „איהר, מיטעלשטאנד, וועט שטארבען דא אין גלות, נאר אייערע קינדער, די חלוצים וועלען פאהרען נאך ארץ-ישראל".

וויפיעל ברוטאליטעט ליגט אין די דאזיגע ווערטער, איז איבריג צו בעטאנען און אויב אזעלכע ווערטער קען זאגען א יודישער פיהרער (וועלכער רעקלאמירט זיך אלס פיהרער פון גאנצען פוילישען יודענטום), דאן דארף מען זיך נישט וואונדערן אויף דעם, וואס ס'זאגען „אנדערע"...

צי מעג אזוי רעדען א פיהרער צו א געיאגט און געפלאגט פאלק אין דער צייט, ווען ארץ-ישראל איז ביים היינטיגען טאג די איינציגע האפנונג, דער איינציגער ליכטיגער שטראהל פאר די יודען ?!

אנשטאט אבער צו טרייסטען און צוגעבען מוט דער געפאלענער מאסע, לעגט דער „פיהרער" גאר אזאלכע שטיינער אויף די הערצער פון די ליידענדע יודישע מאסען.

א־ז דען דאס נישט א שרעקליכער קלאג פאר דער ציוניסטישער בעוועגונג?

דער היעגער פאל פון 23 יולי איז אויך פולשטענדיג גענוג, אז די טשענסטאכאווער עלטערע ציונים פון „על המשמר" זאלען געבען אזא טויט-קלאפ דעם ציוניזם, וואס קיין שום שונא פון אונזער אידעע האט עס נישט געקענט בעווייזען.

דאס, וואס א היבשער טייל פון דער יודישער יוגענד איז אוועק פון אונזער נאציאנאלער מחנה, איז א דאנק די אויבענדערמאנטע הערען פון „על המשמר".

מיר דארפען ווירקליך רויט ווערען פאר חרפה און שעהמען זיך כלפי-חוץ, מיט וואס פאר א קרענקליכע אינסטינקטען עס זענען בעאיינפלוסט אונזערע ערציהער...

יצחק גרינבוים האט זיך אויסגעדריקט דאס מיר רעוויזיאניסטען זענען „באנדיטען פון דער פעדער".

דאס יודישע פאלק זאל פון קיין ערגערען „באנדיטיזם", ווי פון דעם, וואס שפראצט פון דער פעדער נישט וויסען. ערגער איז אבער, ווען די ציונים פון גרינבוים'ס חדר, מיסברויכען נישט בלויז מיט דער פעדער, נאר אויך מיט דער פויסט, ווי ס'איז היע געשעהען דעם 23 יולי!...

ליפמאן קאפינסקי.

ביים אנהויב פון דער פערקאלעכונג פון די בלוט-אדערן איז דאס געברויכען פון נאטירליכען ביטער-וואסער „פראנץ יאזעף" גורם א רעגעלמעסיגען שטוהל-גאנג און א פערקלענערען זיך פון הויכען בלוט-דרוק.

נען די פארטייען שוין נישט אזוי „בלוטיג" פעראינטערעסירט אין די היגע זונטאג'דיגע וואהלען, אלא נאך ווהס דען קומען פאר די וואהלען, האט מען דאך געקענט פארטיילען די מאנדאטען און יוצא זיין אהן טשענסטאכאוו, איז דאס אבער א גוטער תירוץ פאר אייך, פאר די פארטייען אבער איז דאס א פראגע פון פרעסטיזש. ווי איז דאס מעגליך, אז עטליכע טויזענד שוקלים פון טשענסטאכאוו זאלען זיך נישט בעטייליגען אין די וואהלען צום 18-טען ציוניסטישען קאנגרעס.

כאטש ווען איהר וועט נעמען יעדע פון די פארטייען בעזונדער וועלען זיי אייך איינרוימען א סוד, אז זיי וואלטען מוחל געווען די וואהלען במחילה גמורה, האבען זיי דען געלד? און צו וואס די ארבייט און אנשטרענגונג, אז די אלגעמיינע סיטואציע וועט זיך שוין סיי ווי נישט ענדערן, קיינער אבער האט נישט דעם מוט דאס פארצולעגען, מורא האבענדיג, אז מען וועט דאס אויסטייטשען אלס שוואכקייט אדער „טכוזשאסטווע".

ארויסגעהענדיג פון דעם שטאנדפונקט וועלען די פארטייען בעל כרחם מוזען נאכאמאל אדורכמאכען דעם ספעקטאקל פון די וואהלען, אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: אורך...

אין נאמען פון יראת שמים.

די ענדעקעס פרובען אויס אלע מיטלען, אבי יודען צו אונטערדריקען.

זיי ביטערט נעביך גענוג דאס, וואס זיי קענען נישט קומען צום רודער און כאטש אין א קליינער מאס אויספיהרען דעם היטלער-פראגראם.

פון צייט צו צייט העצען זיי אויף דאס אבפאל פון דער אונטערוועלט, וועלכע מאכען אנפאלען אויף איינצעלנע יודען אין די פארקען אדער אין די גאסען. די פאליציי מאכט אבער באלד א סוף צו זייער ווילדעווען און זיי קריצען דעריבער מיט די ציין פאר כעס.

טראכטען זיי, ווי אזוי זיי זאלען קאנען יודען א ביס טהון און ענדליך האבען זיי זיך דערטראכט:

אין טשענסטאכובקע איז דאך א הייליג ארט און היות ווי די זשידעס קומען דארט פערקויפען זייערע פראדוקטען, וועט מען זיי דאס שטערען, דא וועט זיי דאך קיינער נישט פערוועהרען, זיי טהון עס דאך אין נאמען פון דער רעליגיע.

איי, דורות גאנצע האבען יודען געהאנדעלט אין טשענסטאכובקע און די רעליגיע האט גאר נישט געהאט דאגעגען, זענען דאך אבער היינט היטלער-צייטען און די חיה'שע ענדעקעס, וועלכע האבען א קאגאניעץ אויפ'ן פיסק און קאנען נישט אין מיטען גאס בייסען, האבען בעשלאסען כאטש דארט א ביס צו טהון און ליידער, איז עס זיי אין א געוויסער מאס געלונגען.

זיי טהוען עס דאך נישט צוליעב רשעות, צוליעב די העסליכע חיה'שע אינסטינקטען, זיי טהוען עס דאך אין נאמען פון יראת שמים...

שריי, שריי...

די ווילנער טרופע האט די וואך גאסטראלירט און געגעבען צוויי שלאגערס, צווישען זיי אויך דאס „שרייענדע" שטיק „שריי, כינע"!

קודם כל מוז מען בעגריסען דאס, וואס אין טשענסטאכאוו האט זיך ענדליך אבגעזוכט א זאל פאר יודיש טעאטער, דאס איז דער „אטלאנטיק", כאטש ס'וואלט זיך געוואונשען, אז מען זאל עס נאך פערפולקאמען, אז עס זאל זיין א באמת עסטעטיש יודיש טעאטער, ווייל סיי די ביהנע, סיי דער זאל נויטיגען זיך נאך אין גרויסע שינויים. דערווייל אבער איז דאס אויך א געווינס, וואס איז ווערט בעגריסט צו ווערען.

איצט וועגען דער זאך גופא. נישט קיין רעצענזיע ווייל איך דאס מאל געבען, נאר עטליכע בעמערקונגען מן הצד.

די קריטיק האט געלויבט די זאך ביז אין הימעל אריין און איז אפשר גערעכט אויך, די זאך ווערט געשפילט גרויסארטיג, די ארטיסטען זענען ווי אויסגעהעמערט אין זייערע ראלען, אויך די זאך איז א שטארקע, אבער... איהר וואונדערט זיך, וואס איך זאג אבער, אין דער צייט, ווען דאס שטיק האט געהאט אזא קאלאסאלען ערפאלג? אבער פערפאלען, איך גיב איבער דעם איינדרוק, וואס די זאך האט אויף מיר געמאכט.

און דער איינדרוק איז געווען א שווערער, שוין נישט רעדענדיג וועגען דעם, אז אויף דער סצענע האט זיך נישט געקענט שאפען דאס ריכטיגע בילד, ווי ס'האט געדארפט אייגענטליך אויסזעהן, ווארום א שיף מיט קאטארען אין הינטערגרונד איז נישט בנמצא... נאר דאס אודיטאריום, וועלכעס האט געהאלטען אין איין מיטשרייען און אפלאדירען ביי יעדען שטארקען ווארט—און זאגאר צווישענרופען האבען זיך געהערט—שוואכט אב דעם איינדרוק. גיכער האט עס אויסגעזעהן ווי א מיטינג, וואס ווערט אנגעפיהרט דורך ארטיסטען און דאס מיט עפעקטען.

גראד איז „שריי כינע" היע געשפיעלט געווארען אין די הייסעסטע טעג פון זומער, אזוי, אז אלץ צוזאמען, די הייסע פראזע פון די ארטיסטען, דאס ענגעניש אין זאל און דאס הייסע געשריי פון אודיטאריום, האט געשאפען א קאכענדיגע אטמאספערע אין זאל און האט קאליע געמאכט דעם איינדרוק, וואס אזא פארשטעלונג האט געדארפט איבערלאזען.

זי צינדט ליכט אינדערוואכען.

צווישען דעם איידעלען יודישען פאלק טרעפען זיך אזעלכע פאסקודניאקעס, וואס ס'איז א חרפה און א שאנד וואס זיי רופען זיך אן יידען.

דערצעהלט מען אין גאס וועגען אזא נארישען קוריאז:

אויף דער גאריבאלדי גאס 16 האבען געוואוינט אין א קעלער צוויי יודישע שכנים. איינער א שלאסער, דער צווייטער א בלאכאזש, האבען זיך די ווייבער צווישען זיך ארומגעקריגט (וואס דען טהוען ווייבער?); מאכט זיך א מעשה און איינער פון די שכנים ציהט זיך ארויס פון דעם הויז און נעמט אנ'אנדערע דירה. איז דאך גוט און וואויל, טויג עס ערשט רעכט נישט. די איבערגעבליבענע שכנה וועט דאך נישט האבען זיך מיט וועמען צו קריגען און די גאס וועט נישט מיט איהר קלינגען, נעמט זי, די דאזיגע יודענע און פאלט אויף א המצאה—זי צינדט אן אין א מיטען מיטוואך ליכט.

דער עולם האט זיך דערשראקען: אין מיטען וואך ליכט, זיי האבען געטראכט—א חתונה און אפשר נישט צוקומען זאל עס א... און ווען די הויף-שכנים זענען זיך צונויפגעלאפען געוואויר ווערען וועגען דער פלוצלונגער מעשה מיט די ליכט, האט די יודענע גאנץ אפען ערקלערט, אז דאס צינדט זי אן ליכט נאך איהר שכנ'טע, וועלכע האט זיך ארויסגעצויגען...

דער דאזיגער פאקט האט ביי די יודישע שכנים ארויסגערופען א פערביטערונג און ביי די קריסטליכע שכנים חווק און שפאט, ווי אזוי יודען זענען פערביסען אקעגען זייערע אייגענע.

מזל-טוב! ס'איז געבליבען ביים אלטען...

פערצייטענס, ווען מען האט געמאכט אין די מנינים בוררים מיט גבאים, האט מען שמחת-תורה צוזאמענגערופען דעם עולם, אנגעגרייט משקה מיט פערבייסען און די אנפיהרער פון מנין האבען זיך פערקליבען אין א חדר מיוחד, וואו מען האט געצויגען קלפי'ס און מען האט געמאכט גבאים.

דער עולם האט דערוויל געוווארט מיט א פערכאפטען אטעם, זייענדיג נייגעריג וואס דא וועט ארויסשפרינגען. דערוויל עפענט זיך די טיער און דער אלטער גבאי קומט אריין מיט א שטראהלענד פנים און שרייט אויס: מזל-טוב! ס'איז געבליבען ביים אלטען!

די וואך איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „מחזיקי הדת".

זאגט אייך וואס איהר ווילט, אויב אין דעם יעצטיגען שווערען קריזיס איז די פערוואלטונג, אייגענטליך נישט די פערוואלטונג, נאר איינצעלנע פערזאנען, איבערהויפט די לייטונג—אויב זי קאן דאך אדורכארבייטען א בילאנס פון עטליכע צוואנציג טויזענד זלאטעס א יאהר, איז עס ווירקליך א סך און מען מוז זיי אנערקענען א דאנק.

אויף דער פערזאמלונג אבער קומט קוים עפיס מעהר ווי א מנין מענשען, אינגערעכנט, ווען בלויז מיטגליעדס-אבצאהל איז געווען פאר'ן לעצטען יאהר די סומע פון קנאפע 6 טויזענד זלאטעס. וואו זענען אלזא די מיטגליעדער, פארוואס קומען זיי נישט אויף דער פערזאמלונג און נישט בלויז די פראסטע סאלדאטען פעראינטערעסירען זיך נישט, נאר אפילו די פערוואלטונגס-מיטגליעדער קומען נישט א גאנץ יאהר נישט אויף די פערוואלטונגס-זיצונגען און אויך נישט אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג.

פונדעסטוועגען, אז עס קומט צו די וואהלען טאר מען נישט חס ושלום איבערענדערן דעם סדר, קיין נייע גבאים טאר מען נישט וועהלען, ס'איז באלד נישטא ווער עס זאל וועהלען, נאר ס'בלייבט ביים אלטען.

אויך אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון „מחזיקי הדת" האט מען אזוי ווי ביי יעדער אלגעמיינער פערזאמלונג פון אנדערע אינסטיטוציעס ערקלערט — מזל-טוב, ס'איז געבליבען ביים אלטען...

לויתן

יודישע ציגייבער.

(פון די ראבינאט-מעשה'לעך).

אין קארידאר פון ראבינאט דרעהט זיך ארום א יונג ווייבעל, וועלכע זעהט אויס, ווי א יונג מיידעל און ווארט אויפ'ן מורה-הוראה.

דערווייל נעמט פון איהר אב א ראפארט דער שמש ר' משה יצחק.

— וואס ט'איהר זאגען גוטס, פריילין?

— איך וויל זעהען דעם הייליגען רבי'ן, איך בין א ווייבעל, פערשעהמט זי זיך און וויל, אז מען זאל רופען מיין מאן.

— דערצעהלט, דערצעהלט, גיט איהר אונטער מוט ר' משה יצחק און דאס ווייבעל דערצעהלט און טרעהרען רינען איהר פון די אויגען א מעשה פון טויזענדער, וועלכע פאסירען אין אונזער אונגארמאלען יודישען לעבען.

זי הייסט בלימה ריווע ל. און איז שוין 7 יאהר פערהייראט מיט איהר בעשערטען יואל בער וו. פון ראדאמסק, וועלכער איז אויך א גוטער שוסטער, זיי האבען אויך א קינד פון דריטהאלבען יאהר. פאר אנדערטהאלבען יאהר צוריק האט דער מאן אוועקגעווארפען דאס פאך און זיך געלאזט איבער דער מדינה מיט נאך עטליכע קאלעגען און געהען איבער די הייזער.

דאס נייע „פאך" ווערט געפיהרט אויפ'ן גרויסען שטייגער, מיט אונטערנעהמונגס-גייסט, דהיינו: זיי האבען אן'אייגענעם פערד און וואגען און פאהרען פון שטאדט צו שטאדט און ווען זיי האבען שוין בעארבייט איין שטאדט פאהרען זיי אין דער אנדערער, אזוי בעארבייטען זיי גאנץ פוילען.

צופעליג איז איהר מאן היינט אנגעקומען קיין טשענסטאכאוו, וויל זי אויסנוצען די געלעגענהייט און בעט, אז מען זאל אדורכפיהרען א גט.

— פארוואס ווילט איהר נישט מיט איהם וואוינען?—פרעגט משה יצחק.

— פארוואס איך וויל נישט מיט איהם וואוינען? איך בין א קינד פון ארענטליכע עלטערן, איך וויל פיהרען אן'אנשטענדיג פאמיליען - לעבען, ער אבער וויל נאר ארומפאהרען און וויל נישט ארבייטען. וואלט איך מיט איהם געהאט אן'אקט שלום-בית, וואלט איך מיר אן'עצה געגעבען, אזוי אבער, זאגט ער, אז ער האט נישט קיין פליכטען פאר מיר. יא, ער טענה'ט, אז איך זאל מיט איהם מיטפאהרען. איך אבער—שרייט מיט הארץ וועהטאג דאס יונגע ווייבעל—וועל בעסער אויסגעהן פאר הונגער, איידער זיך לאזען אויף אזא פרנסה—ארומשלעפען זיך איבער דער וועלט און שנארען. און דאס ווייבעל דערצעהלט וועגען איהר פינסטער לעבען, ווי אזוי זי וואוינט ביי איהרע ארימע עלטערן, דער אלטער פאטער ליגט פאראליזירט, די מוטער ארבייט און פערדינט קוים אויף אביסעל קארטאפעל און זי מוז זיך אבגעבען מיט'ן קינד. דער „געטרייער" טאטע האט דורך די אנדערטהאלבען יאהר אפילו נישט געשיקט קיין איין גראשען פאר'ן קינד. גיט מיר א גט—בעט זי זיך—נאך וואס זאל איך נאך זיין פערשווארצט מיט א מאן, וועלכער פערשאפט מיר נאר בזיונות.

אויסהערענדיג די טרויעריגע מעשה פון דעם אומגליקליכען ווייבעל, האט ר' משה יצחק שוין נישט געפרובט צו מאכען שלום, נאר צוגעטרעטען ארומרעדען וועגען די גט-ענינים.

— וויפיעל געלד קענט איהר בעצאהלען פאר'ן גט?

— געלט? גאט איז מיין עדות, אז כ'פערמאג נישט קיין צובראכענעם צווייער.

— גישט איהר, כ'מיין אייער מאן.

— זאל גאט אבהיטען, איהר זאלט איהם נישט דערמאנען קיין איין ווארט וועגען געלד, אז נישט וועט ער אנטלויפען און איך וועל ווייטער בלייבען א וויסטע עגונה. אמת, ער האט געלד אבער דאס וויל ער בעסער פערשפילען אין קארטען און טרינקען בראנפען, אבער נישט געבען דעם ווייב און קינד אדער בעצאהלען פאר א גט.

ר' משה יצחק האט געזעהן, אז דאס איז א מעשה אהן אן'עק, האט ער געהייסען דעם ווייבעל קודם-כל ברענגען דעם העכט און דערווייל האט ער געשיקט נאכ'ן סופר מיט די עדות אויף א בעראטונג.

די דאזיגע „בעראטונג" האט געדויערט עטליכע טעג, ביז זיי זענען געקומען צום בעשלוס, אז קיין גט פאר בחנם וויל דער סופר בשום אופן נישט שרייבען, האט ר' משה יצחק לאין ברירה אויסגעלייגט 5 זלאטעס פון זיין טאש און בעצאהלט דעם סופר און דעם עדות און מיט מזל אדורכגעפיהרט דעם גט צווישען מרת בלימה ריווע מיט דעם יודישען ציגיינער יואל בער.

סעם.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „מחזיקי הדת".

פערגאנגענעם זונטאג איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון „מחזיקי הדת".

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס ה' י. מ. קרעל, וועלכער רעדט א פאר ווערטער וועגען דעם נישט-לאנג פערשטארבענעם מו"צ ר' וואלוויש בארנשטיין ז"ל. די פערזאמעלטע בעעהרען זיין אנדענקען מיט אויפשטעהן.

אלס פארזיצענדער ווערט געוועהלט ה' ליפמאן רייכער, אלס בייזיצענדע ה"ה: ש. קרויסקאפ און ב. באראן, אלס סעקרעטאר ה' זעליגמאן.

ה' זעליגמאן לייענט אדורך דעם בילאנס פון פערגאנגענעם יאהר, וועלכער בעטרעפט די סומע פון 23610.80 זלאטעס.

אין דער דיסקוסיע נעמען אנטייל די ה"ה: העלפגאט, רייכער, באראן, קרויסקאפ, קרימאן, קופער, האראוויטש גרינבוים, טשארנע, טשענסטאכאווסקי, מרגליות, וועלכע עס ענטפערן אב די ה"ה קרעל און זעליגמאן.

אין רעזולטאט ווערט דער בילאנס גענומען צו קענטניש און עס ווערט אויסגעדריקט א דאנק דער פערוואלטונג און לייטונג פאר איהר ארבייט.

אויך ווערט נאך א קורצער דיסקוסיע אננענומען דער פארגעלייגטער בידזשעט פון 21.825 זל.

א גרעסערע דיסקוסיע רופט ארויס די פראגע, וואס די לאקאטארען, וועלכע וואוינען אין הויז פון „מחזיקי הדת" צאהלען נישט קיין דירה געלד.

אין רעזולטאט ווערט אנגענומען א רעזאלוציע, אז די פערוואלטונג ווערט אויפגעפאדערט איינצומאהנען ביי די לאקאטארען דאס דירה-געלד און אויך ווי ווייט מעגליך צו בעזעצען אין די פרייע דירות די מלמדים פון „מחזיקי הדת".

דאן ווערען נאך אנגענומען עטליכע פרייע פארשלאגען און אויך וועגען א ווערבירונג פון נייע מיטגלידער.

אויפ'ן ארט פון די ארויסטרעטענדע פערוואלטונגס מיטגלידער ווערען אויפסנייע געוועהלט די ה"ה ש. גאלדשטיין און י. ש. קאבלינץ און אויפ'ן ארט פון פערשטארבענעם מו"צ בארנשטיין ווערט געוועהלט ה' ש. ערליך.

דער אויסשטעלונגס-קאמיטעט ביי דער ארבייט.

דעם 1 ד. ח. זענען אין מאגיסטראט, אין זאל נר. 8 פארגעקומען בעראטונגען פון פאלגענדע קאמיסיעס פון קאמיטעט פון דער אויסשטעלונג פון דער טשענסטאכאווער אינדוסטריע: די פינאנץ-קאמיסיע אין די פערזאנען פון פארזיצער דיר. בארוצקי, דיר. קאבילעצקי און דיר. שווארץ; די פראפאגאנדע קאמיסיע אין די פערזאנען פון רעד. ווילקאשעווסקי (פארזיצער), ה' מאלטשינסקי, רעד. לאסקי, רעד. פראנק און מערינג; דעקאראציע-קאמיסיע אין די פערזאנען פון דיר. איזוא גאלל (פארזיצער), אינזש. טענצער, אינזש. שופלעטא, אינזש. פראנקע און פראפ. בארילסקי.

קאנקורס אויף אן'ארטיסטישען פלאקאט פון דער אויסשטעלונג פון דער טשענסטאכאווער אינדוסטריע.

דער אויספיהר-קאמיטעט פון דער רעגיאנאלער אויסשטעלונג פון דער טשענסטאכאווער אינדוסטריע פערעפענטליכט א קאנקורס אויף אן'ארטיסטישען פלאקאט פון דער אויסשטעלונג.

די בעדינגונגען פון קאנקורס זענען פאלגענדע:

פאר דעם בעסטען פראיעקט איז בעשטימט געווארען א פרייז אין דער הויך פון 100 זל. אויפ'ן פלאקאט דארפען זיך געפונען פאלגענדע ווערטער: „אויסשטעלונגס - פענסטער פון דער אינדוסטריע פון טשענסטאכאווער קרייז 18.IX — 3.IX". די גרויס פון פלאקאט דארף זיין 70x100. דער פלאקאט דארף זיין העכסטענס אין 2 פארבען און דער אינהאלט דארף געצנוי ענטשפרעכען דער צייכנונג.

די פערזאנען, וואס ווילען זיך בעטייליגען אין קאנקורס ווערען געבעטען צוצושיקען זייערע ארבייטען אין סעקרעטאריאט פון דער אויסשטעלונג ביז'ן 9 ד. ח. 3 א זייגער נאכמיטאג.

דער אויסגאנג פון קאנקורס וועט פערעפענטליכט ווערען דעם זעלבען טאג 8 אוונט.

די פראיעקטען דארפען ווערען געמאכט מינימום א פערטיל פון דער נאטורלער גרויס.

פון לעבען פון „פערבאנד פון די יודישע אנטיילנעמער אין די קאמפען פאר פוילען'ס אומאבהענגיגקייט" („ז.ו.ו.נ.פ.").

אויף דער זיצונג פון דער צייטווייליגער פערוואלטונג פון דער היגער אבטיילונג פון „ז. ו. וו. נ. פ.", וועלכע איז פארגעקומען דעם 22 פ. ח., האבען ד"ר באטאוויא און ד"ר גוטמאן אבגעגעבען א גענויען בעריכט פון ערשטען אלגעמיינעם צוזאמענפאהר פון די דעלעגאטען אין ווארשא.

די פערוואלטונג האט זיך קאנסטיטואירט ווי פאלגענד:

פארזיצער — רעז. פאר. ד"ר גוטמאן; פערוואלטונגס מיטגלידער — ד"ר באטאוויא, העז. קאפיט. ד"ר גייזלער, רעז. פאר. ד"ר גאלדמאן, רעז. איניאמיטטזש טט. וויטושיץ, רעז. קאפיט. ד"ר סט. קאהן, רעז. ראטמיסטזש פראפ. מארגוליעס, רעז. פפאר. ר. ניעמיעץ, מ. נויפעלד, רעז. פפאר. אינזש. שיין, סעקרעטאר — י. ווייספעלנער, סקארובניק — י. דאנציגער.

דער סעקרעטאריאט איז טעטיג טעגליך פון 7 ביז 8 אוונד, 1 אלעע 12, צימער 4.

אן'אויספלוג קיין קלאבוצק.

די היגע ארבייטער - פארטיי „פועלי אגודת ישראל" ארדענט איין זונטאג פ' ראה, דעם 13 ד. ח. אן'אויספלוג קיין קלאבוצק.

אין אויספלוג בעטייליגען זיך אויך אנדערע פא"י גרופען פון טשענסטאכאווער קרייז.

ס'איז אויך פארגעזעהען צו בעזוכען אין קלאבוצקער געגענד פערשידענע זעהענסווירדיגקייטען. אויך ארדענט איין די ארטיגע גרופע דעם זעלבען טאג אן'אקאדעמיע, אין וועלכער עס וועט אנטייל נעמען א חבר פון ווארשא.

איינשרייבונגען אין לאקאל פון פא"י יאסעלעוויטשא 8 יעדען טאג פון 9 ביז 10 אוונד.

א דאנסינג אין „מכבי".

מארגען, שבת, דעם 5 ד. ח. קומט פאר אין אייגענעם לאקאל (אגראדאווא 8) א דאנסינג פון „מכבי" מיט א גאנצע רייה אטראקציעס.

צו אלע שניידער און שניידערינס!

עס ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז פאלגענדע זשורנאלען זענען דייטשע אויסגאבען:

„Przegląd Mody", „Creations de Paris", „Paris Chic", „Tres Chic", „Facon Tailleur" „New Ladies Fashion", „Cost & Mant Promenade", „Elite", „La Mode de Paris".

דעריבער ווערט איהר אויפגעפאדערט צו באיקאטירען די דערמאנטע זשורנאלען. בעזונדער מאכען מיר אויפמערקזאם אויפ'ן זשורנאל „פושעגלאנד מאדי", וואס געהט ארויס אין דייטשלאנד אין דער פוילישער שפראך.

וועגען בית"ר אנגעלעגענהייטען.

די צוויי פערזאן, וואס האבען זיך צו מיר געווענדעט בריעפליך וועגען געוויסע „בית"ר" אנגעלעגענהייטען, וועלען מיר ענטשולדיגען, וואס איך וועל אויף זייערע אנפראגען, צוליעב פרינציפיעלע סבות נישט ענטפערן אויף די שפאלטען פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג". ערשטענס קאן מען די פראגען נישט בעהאנדלען אין דער פ־עסע, צווייטענס טראגט דער בריעף א האלב אנאנימען כאראקטער. צו מינדליכע אינפארמאציעס בין איך צו דיספאזיציע אין סעקרעטאריאט פון בית"ר אלעע קאשטשושקי 16.

פ. לסקר

קליינגקייטען.

זיי האבען אויסגעמיטען דעם חורבן...

די סקערניעוויצער חסידים האבען דעם היי-יעהריגען ערב תשעה באב געהאט דעם אמת'ן חורבן — מען האט זייער מקדש-מעט חרוב געמאכט און זיי האבען נישט געהאט וואו צו בעקלאגען דעם חורבן, וואס איז געשעהן דעם יודישען פאלק מיט אכצעהן הונדערט דריי און זעכציג יאהר צוריק.

די סקערניעוויצער חסידים האבען זייער שטיבעל אויף די בערקא יאסעלעוויטשא גאס און זיי האבען א סכסוך מיט'ן ווירט וועגען דירה-געלד.

ווען זיי זענען געקומען ערב תשעה באב אינדערפריה צום דאווענען האבען זיי דערזעהן, אז די טהיר איז פערקלאפט מיט נעגעל און פון דרויסען שטעהט דער סטרוזש אויף דער וואך מיט אן'אייזערנעם דראנג און היט, אז ס'זאל זיך עמיצער נישט ארייננכאפען און חלילה א דאווען אב געבען.

די חסידים האבען פערשטאנען, אז די קלאג איז פערטיג, זיי האבען אבער בעשלאסען זיך ארייננצוכאפען בנראנדע, אויב נישט דורך דער טהיר, זאל זיין דורכ'ן פענסטער. הקיצור, זיי האבען דעם שומר אוועקגעשטופט אין א זייט און מיט מסירות נפש זיך ארייננבעקומען אינעווייניג און איידער וואס ווען זענען זיי שוין געווען איינגעהילט אין די טליתים און תפילין, ארייננגעכאפט א קדושה מיט א ברכו און ווען דער פאליציאנט איז געקומען מאכען א פראטאקאל, איז שוין געווען העט-העט נאך תפילת שחרית.

אויף דעם אמת'ן חורבן האבען זיי זיך אבער געריכט צו קינות, אויף ווען דער בעל הבית האט זיי אנגעזאגט א מלחמה, דערווייל אבער האבען זיי א טעות געהאט, אין דער צייט פון תשעה - באב איז איינגעטרעטען א שטילשטאנד און זיי האבען פריי און פראנק אנגעקלאגט דעם חורבן, אוועקגעהענדיג האבען זיי אנגעהאנגען א שלאס און ווארטען יעצט אויף קאנסעקווענצען.

א מעשה מיט א טשאלענט.

די מעשה מיט'ן טשאלענט האט פאסירט אין אלשטין און היות ווי דאס טשאלענט געהערט צו א טשענסטאכאווער פירגער, מעג מען עס בעשרייבען.

ר' משה ב. ווילט אויף זומערוואוינונג אין אלשטין, האט זיין בני-בית פערגאנגענעם פרייטאג אוועקגעשיקט דאס טשאלענט צום בעקער, וועלכער האט עס צוגענומען און ארייננגעריקט אין אויווען.

צומארגענס אבער, ווען ר' משה האט שוין געהאלטען נאכ'ן קידוש, זיך בורייט געזינגען דעם כל מקדש שביעי און זיך מכין געווען מקבל פנים צו זיין דעם פעטען טשאלענט, קומט אן דאס משרת מיט אן'איוב-בשורה: נישטא קיין טשאלענט. דער בעקער האט זיך איינגעשפארט און וויל דאס טשאלענט נישט ארויסגעבען, מאטיווירענדיג, אז היות ווי די פאמיליע ב. קויפט נישט א גאנצע וואך קיין געבעקס ביים דערמאנטען בעקער, איז ער נישט מחויב צו בראטען פאר איהם קיין טשאלענטער אויף שבת.

הכלל, ס'האבען נישט געהאלפען קיין אינטערווענצען, דער בעקער איז געווען איינגעשפארט און נישט געוואלט ארויסגעבען דאס טשאלענט (און אז אן'אלשטינער בעקער שפארט זיך איין, העלפט נישט קיין טאטער)...

די פאמיליע ב., זעהענדיג, אז זיי וועט אויסקומען צו הונגערן א גאנצען שבת, האט זיך געוואנדען צו דער פאליציי, וואס האט דעלעגירט איהרס א פארשטעהער, וועלכער האט געמאכט א פראטאקאל פאר פערכאפען פרעמד אייגענטום... ערשט מיט דער הילף פון דער הזכרער מאכט, האט די פאמיליע ב. שפעט נאכמיטאג צוריק בעקומען דאס טשאלענט.

ווי ס'ווייזט אויס וועט דער טשאלענט-ענין נאך קאפויער קומען אין געריכט.

ווען, שוין טאטעשי?

אין א היגער אינסטיטוציע איז געקומען א פאטער מיט זיינס א קליין יונגעלע ערלעדיגען א געוויסען ענין.

אין דער דאזיגער אינסטיטוציע איז געהאנגען דאס בילד פון זשאבאטינסקי'ן. ווייזט דער פאטער דעם קינד דאס בילד און זאגט איהם: זעהסטו, דאס איז דער יודישער משיח, ער וועט אויסלייזען דאס יודישע פאלק פון גלות און זיי צוריקפיהרען אין זייער אייגען לאנד, אין ארץ - ישראל, וואו מיר וועלען האבען אן'אייגענע מלוכה.

דעם קינד'ס אויגעלעך זענען געווארען גרעסער און פייכט און מיט זיין קינדערישער נאאיווקייט פרעגט ער דעם פאטער:

— ווען שוין טאטעשי?!...

פריי און לוסטיג.

דאס איינארדנען היי-יאהר די האלבע קאלאניע פון „טאז" איז געווען זעהר א שווערער ענין, פונדעסטוועגען זענען אנגעווענדעט געווארען אלע בעמיהונגען און אזא קאלאניע איז יא איינגעארדענט געווארען, וואו העכער 160 קינדערלעך האבען א גאנצען חודש פערבראכט אויף דער פרייער לופט, האבענדיג עסען צו דער זעט און געהוליעט אויף וואס די וועלט שטעהט.

אז די קאלאניע איז געווען נויטיג פאר די קינדער, האט בעוויזען דאס, וואס זיי האבען צוגענומען פון 2 ביז 4 קילא דורכשניטליך.

ווען ס'איז אבער געקומען איינצוארדנען די צווייטע האלב-קאלאניע, איז געווען כמעט ווי אויסגעשלאסען, אז דאס זאל קענען פערווירקליכט ווערען. און דא איז געשעהן עפעס אונגלויבליכעס. עטליכע מיטגלידער פון „טאז", ביי דער מיטהילף פון עטליכע מיטגלידער פון עלטערן - קאמיטעט פון די פאלקס-שולען, האבען עקשנות'דיג זיך איינגעשפארט דוקא איינצוארדנען א צווייטען סעזאן. און הערט און שטוינט: די האלבע קאלאניע איז טאקי איינגעארדענט געווארען.

לכתחילה, האט מען געהאט בעשלאסען איינצוארדנען זי נאר פאר אן'ערך 80 קינדער, פאקטיש אבער זענען שוין פערהאנען איבער 120 קינדער אויף דער קאלאניע. און וויזוער איז פרעהליך — געזאנג אין טענץ פערהילכען דעם גארטען.

אמת, דער עלטערן-קאמיטעט ברעכט זיך דעם קאפ, ווי אזוי צו דעקען די הוצאות, די קינדער אבער ווייסען נישט פון דעם, זיי זענען אויף דער פריי, זיי בעקומען גוט צו עסען —

— זיי זענען פריי און לוסטיג.

זיי זענען געבליבען מיט'ן צוזאג.

וואס פעהלט זיי די לעטניקעס אין אסטראווו, גוטע לופט האבען זיי, צו קייען פעהלט זיי אויך נישט, וואס זיי דארפען יא — איז שבת א גוטען הזן.

האבען זיי יענע וואך ארויסגעהאנגען אפישען, אז איה"ש שבת חזן וועט אין אסטראווו דאווענען אונזער בעריהמטער חזן ה' יוסף באדאש.

שבת האט זיך דער עולם געזאמעלט און זיך געגרייט מקבל נחת צו זיין פון די שעהנע תפילות, דערווייל אבער איז דער חזן באדאש געבליבען אין שטאדט און דער אסטראווער עולם איז געבליבען בלויז מיט'ן צוזאג...

סמאל.

PIJCIE ZNAKOMITE PIWA OKOCIMSKIE
oraz niezrównane w smaku lemoniady wyrobu
REPREZENTACJI BROWARU OKOCIMSKIEGO w CZĘSTOCHOWIE.

זונטאָג, וואַהלען צום 18-טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

דעם קונפטיגען זונטאָג קומען אין טשענסטאָכאָוו פאָר (צום צווייטען מאָל) וואַהלען צום 18-טען ציוניסטישען קאָנגרעס.

עס האָבען זיך זאָגאַר פערשפרייט קלאַנגען, אַז די וואַהלען וועלען אינגאַנצען נישט פאָרקומען, נאָר די פראַקציעס וועלען זיך מיט די שטימען פּראָפּאָרציאָנעל פערטיילען. צו דעם צוועק זענען טאַקי פאָרגעקומען עטליכע זיצונגען, אַזוי אָבער ווי קיין פערשטענדיגונג איז נישט דערגרייכט געוואָרען, וועלען די וואַהלען יאָ פאָרקומען.

די וואַהל-צעטלען וועט מען קאָנען אָבגעבען אין פאָלגענדע לאָקאַלען:

אַלעע 7 — די שוקלים, וואָס זייערע פאַמיליען-נעמען הויבען זיך אָן אויף די בוכשטאַבען: F, G H, I, J, K, L Ł, M, N, O

אַלעע 9 — די אָנהויב - אותיות: P, R, S, T, U, W. Z, Ż

אַלעע 8 — די אָנהויב - אותיות: A, B, C, D, E,

אַדורכצופיהרען די וואַהלען וועלען קומען 2 ספּעציעלע דעלעגירטע פון הויפּט-וואַהל-קאָמיטעט אין וואַרשא.

די טשענסטאָכאָווער האַנדווערקער-אויסאַרבייטונגען קיין רוסלאַנד.

וועלענדיג אויספאָרשען אויפ'ן אָרט די מעגליכקייטען צו עקספּאָרטירען פון פוילען נאָך רוסלאַנד פערשידענע האַנדווערקער-אויסאַרבייטונגען, אָרגאַניזירט דער ראַט פון די האַנדווערקער-קאַמערן אין דער העלפט פון לויפענדען חודש אַ 1-וואָכיגען אויספלוג פון די ווירטשאַפטליכע האַנדווערקער-קרייזען נאָך ראַטען-פערבאַנד.

דער ציעל פון דאָזיגען אויספלוג איז אָנצוקניפּען אַ דירעקטען קאָנטאַקט מיט די ווירטשאַפטליכע קרייזען אין רוסלאַנד און עווענטועל צו שליסען די ערשטע אָבמאַכען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פּראָיעקטירט דער היגער האַנדווערקער פערבאַנד צו שיקען אַ דעלעגאַט עווענטועל אַ' אויסשיקען מיט דער דעלעגאַציע מוסטערן און פּרייז ליסטעס פון די היגע האַנדווערקער-אויסאַרבייטונגען.

אָווענד-קורסען פאַר לערן-יונגלעך.

פאַר'ן אָנהויב פון שול-יאָהר איז כדאי אויפמערקזאַם צו מאַכען די האַנדווערקער, וועלכע בעשעפטיגען לערן-יונגלעך זיי צו רעגיסטרירען אויף די אָווענד-קורסען, וועלכע עגזיסטירען ביי דער האַנדווערקער שולע, כדי אויסצומיידען די שטראָפען מצד דער מאַכט, וועלכע זעהט פאָר פאַר עובר זיין אויף די געהעריגע פאָרשריפטען מיט 100 זל. שטראָף אָדער 14 טעג אַרעסט.

ווי אונז איז בעוואוסט זענען לעצטעגס אַ גאַנצע רייהע מייסטערס בעשטראָפט געוואָרען מיט געלד-סומען פאַר נישט צופּאַסען זיך צו די אויבענדערמאָנטע פעראָרדנונגען.

פון דער יודישער געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט.

זונטאָג, דעם 6 ד. ח. קומט פאָר אַנ'אויספלוג נאָך יאַסקראָוו און מיראָוו.

דעם 12 ד. ח. ווערט פּראָיעקטירט אַ 4 טאָגיגער אויספלוג אין די פוילישע און טשעכישע טאַטרען.

איינשרייבונגען און אינפאָרמאַציעס אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט יעדען טאָג פון 9 אָווענד.

פון דער געז. „מלביש ערומים“.

דער בלימעל-טאָג, וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען מיטוואָך דעם 26 פ. ח. לטובת דער געז. „מלביש ערומים“, האָט געבראַכט נעטאָ, נאָך אַלע אויסגאָבען 125.60 זל.

צי מעג דער עקזעקוטאָר פערנעמען אַ ראַדיאָ-אַפּאַראַט?

עס האָבען לעצטענס געטראָפען פיעל פאַלען, דאָס די עקזעקוטאָרען האָבען צוגענומען ראַדיאָ-אַפּאַראַטען פאַר פערלעגענע שטייערן. אַזוי אַרום איז ביי די ראַדיאָ-הערערס צוגענומען געוואָרען די מעגליכקייט פון קאָנען הערען ראַדיאָ. די דאָזיגע האַנדלונג פון עקזעקוטאָר רופט אַרויס גרויס פערביטערונג ביים ראַדיאָ-הערער. פאַר וועלכען ראַדיאָ איז ביי די היינטיגע שווערע צייטען געבליבען אפשר נאָך דאָס איינציגע פערגעניגען, אויף וועלכען ער קאָן זיך ערלויבען.

די ליטונג פון פוילישען ראַדיאָ האָט אונטערגענומען אַ געהעריגע אַקציע אין פינאַנץ - מיניסטעריום, אַז אויף להבא זאָלען די עקזעקוטאָרען נישט פערנעמען קיין ראַדיאָ-אַפּאַראַטען, די דאָזיגע אינטערווענץ האָט ליידער, ביז איצט נישט געגעבען קיין געווינשטען רעזולטאַט. דערפאַר אָבער האָט דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום אין אַ בריעף צום פוילישען ראַדיאָ אויפגעקלערט, אַז אין פאַל פון פערנעמען אַ ראַדיאָ-אַפּאַראַט דורכ'ן עקזעקוטאָר פאַר פערלעגענע שטייערן, האָט דער ראַדיאָ-הערער דאָס רעכט צו פאָדערן אויפ'ן גרונד פון פאַר. 61 פון דער פּראַרדנונג פון מיניסטאַרען - ראַט (דזיענניק אוסטאַוו 62 № פון 22 יולי 1932 פאַז. 580) אַז דער עקזעקוטאָר זאָל אַראָבנעמען דעם אַרעסט פון ראַדיאָ-אַפּאַראַט אויב די פערבליבענע זאַכען פון דער שטוב-ווירטשאַפט קענען דעקען לויט דער שאַצונג דעם חיב.

לויט'ן פאַר. 54 פון דער זעלבער פעראָרדנונג דיענט דעם ראַדיאָ-הערער דאָס רעכט, אין פאַל, ווען דער עקזעקוטאָר וועט נישט ערפילען זיין פאָדערונג, אַריינצוטראָגען אין געהעריגען פינאַנץ-אַמט אַנ'אַנקלאַגע געגען דער נישט-ריכטיגער האַנדלונג פון עקזעקוטאָר. דערביי ווערען אָבגעהאַלטען אַלע עקזעקוציע-טריט, ביז די דאָזיגע אָנקלאַגע וועט דורכ'ן שטייער-אַמט נישט בעטראַכט ווערען.

די אויפקלערונג פון פינאַנץ מיניסטעריום, הגם זי בעפרידיגט נישט אינגאַנצען די פאָדערונג פון ראַדיאָ-הערער, האָט דאָך אַ גרויסע בעדייטונג פאַר פיעל ראַדיאָ-הערערס, וועלכע בעקומען די מעגליכקייט צו שיצען זייער ראַדיאָ אַפּאַראַט, מען זאָל איהם נישט פערנעמען.

אָקאָטשימער ביער אין אַ גאָרטען דער 3-טער אַלעע.

אַ רייהע יאָהרען האָט זיך געלאָזט פיהלען דאָס פעהלען אַ גאָרטען, וואו מ'זאָל קענען אין די הייסע טעג פערברענגען עטליכע שעה.

דער אין גאַנץ פוילען בעקאַנטער „בראָוואַר אָקאָטשימסקי“ האָט אַזאַ גאָרטען געעפענט אין דער 3 אַלעע 65.

דער גאָרטען פון ה' קאָרוואָווסקי בעזיצט די פּאָלוואָרטיגע זאָרטען אָקאָטשימער ביער.

די נידריגע פרייזען, מוזיק און העפליכע בעדינונג זיכערן אַנ'אַנגענעהם פערברענגען עטליכע שעה.

אַ קאָסטבאַרער אויספלוג קיין קאָרווינאָוו.

דער באַנק - בעאַמטער עאוגעניוש ז—סקי איז עהרענעכטען געפאָהרען זיך באָדען קיין קאָרווינאָוו. ביים טייך האָט ער זיך בעקענט מיט אַ דאַמע, וועלכע ער האָט אויך פאָרגעשלאָגען זיך מיט איהם צו באָדען. די אונבעקאַנטע האָט אָבער ערקלערט, אַז זי האָט זיך ערשט וואָס געבאָדען און איז מיעד, דערפאַר וועט זי היטען זיינע זאַכען בעת ער וועט זיך באָדען.

נאָכ'ן אַרויסגעהן פון וואַסער האָט ער נאָך פערברענגט מיט דער אונבעקאַנטער און זיך אפילו אָבגעשמועסט מיט איהר אויף צומאָרגענס. ערשט ווען ער האָט געוואָלט קויפען אַ בילעט אַהיימצופאָהרען האָט ער בעמערקט, אַז אין פּאָרטפעל פעהלען איהם 4 באַנק-בילעטען צו 100 זל. און 1 באַנקנאָט פון. 50 זל.

דער געליטענער האָט וועגען דעם געמאָלדען דער פּאָליציי, וועלכע זוכט די אונבעקאַנטע דאַמע, וואָס איז וואָרשיינליך די אויספיהרערין פון דער גנבה.

אַ רעוואָלוציאָנער אויף 5 מינוט.

אין היגען קרייז-געריכט איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון 65-יעהריגען סטאַניסלאַוו פּיסגאַל, וועלכער האָט דעם 31 מאַי פ.י. פאַר'ן בנין פון מלוכה'שען פערמיטלונגס-אַמט געהאַלטען אַ העצרעדע צו די פערזאַמעלטע אַרבייטער, רופענדיג זיי חרוב צו מאַכען דעם מאַגיסטראַט און דעם פערמיטלונגס-אַמט.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען פאַר'ן ריכטער נאַקאַניעטשני, בעשולדיגט האָט וויצעפּראָק. הויזבראַנד, אַלס פערטיידיגער איז אַרויסגעטרעטען אַדוו. ל. אַש.

די עדות האָבען אין אַלגעמיין בעשטעטיגט דעם בעשולדיגונגס-אַקט.

דער פערטיידיגער האָט געבעטען אַ מילדע שטראָף פאַר'ן בעשולדיגטען, נעמענדיג אין אַכט, אַז פּיזגאַל איז אין דער קריטישער צייט געוועזען אָהן אַרבייט און האָט צו קיין שום פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע נישט געהערט.

דאָס געריכט האָט פּיזגאַל'ן פערמשפּט אויף 6 חדשים תפיסה און איִם די שטראָף אויפ'ן סמך פון דער אַמנעסטיע געשענקט.

שטוהל-פערשטאָפּונג.

הויפּט-פערטרעטער פון דער נייער פרויען - היילונג האָבען אויספּרובירט דאָס נאַטירליכע פראַנץ-יאָזעף ביטערוואַסער אַלס אַ זעהר שנעל און שמערצלאָז-ווירקענד-מיטעל.

רעאָרגאַניזאַציע פון דער שטאָדטישער אָבטיילונג פון געזונדהייט און פאַר עפענטליכער שוץ.

אין אונזער שטאָדט איז לעצטענס אַדורכגעפיהרט געוואָרען אַ רעפאָרם פון דער שטאָדטישער אַדמיניסטראַציע, וואָס בעשטעהט אין דעם, אַז די ביז-איצטיגע געזונדהייטס-אָבטיילונג און די אָבטיילונג פאַר געזעלשאַפטליכער שוץ זענען פעראייניגט געוואָרען אין איינער, אין דער שפּיץ פון וועלכער ס'איז געשטעלט געוואָרען ד"ר וואַצלאַוו שיישקאָווסקי.

אין איצטיגען מאָמענט ווערען געפיהרט די צוגרייטונגס-אַרבייטען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איבערטראָגען דעם שפּיטאַל, וואָס זאָל שוין פאָרקומען אין נאָוועמבער ד.י.

אין שטאָדטישען הויז אויף סאָביעסקעגאָ וועט איבערגעטראָגען ווערען די כירורגישע אָבטיילונג אויף 200 בעטען און די אָבטיילונג פאַר אינערן קראַנקע אויף 60 בעטען.

ביידע אָבטיילונגען צוזאַמען מיט די אָבטיילונגען פאַר אַנשטעקענדע קראַנקע אויף כלאַפּיצקי גאַס און פאַר ווענעריש קראַנקע וועלען פילזען דעם אַלגעמיינעם שפּיטאַל אין דער שפּיץ פון וועלכען ס'וועט שטעהן אַלס דירעקטאָר ד"ר סטאַווניצקי.

דער דירעקטאָר פון אַלגעמיינעם שפּיטאַל וועט האָבען צו זיך צו-הילף איין אינטענדענט פאַר אַלע 4 שפּיטעלער.

דער אַלגעמיינער שפּיטאַל אין טשענסטאָכאָוו וועט אויך וואַרשיינליך בעקומען עפענטליכקייט-רעכט, ד. ה. רעכט אויסצושולען יונגע דאָקטוירים, וועלכע דאָס שפּיטאַל האָט ביז איצט נישט געהאַט לויט די נייע פאָרשריפטען קאָן אַ יונגער מעדיקער פּראַקטיצירען ערשט נאָכ'ן אַדורכמאַכען אַ איינסיעהריגען סטאַזש אין אַ שפּיטאַל, וואָס האָט עפענטליכקייטס-רעכט.

גלייכצייטיג ווערען געשאַפען 4 סאַניטאַר קרייזען. דער ערשטער נעמט אַרום דעם אַלטען און נייעם מאַרק מיט די אַרומיגע גאַסען און אויך זאַוואַדזיע, דער צווייטער — די יאַסנאַ-גוראַ-אומגעגענד, דער דריטער — סטראַדאָם, דער פירטער — ראַקאָוו.

יעדער קרייז וועט האָבען זיין סאַניטאַרען קאָנטראָלער.

די שטרייקענדע שטאָדטישע סעזאָן-אַרבייטער ווילען נישט אָבטרעטען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דויערענדען שטרייק ביי די עפענטליכע שטאָדטישע אַרבייטען, וואו ס'האָבען געוואָרפען די אַרבייט אַרום 800 אַרבייטער, האָט דעם 2 ד. ח. געוויילט אין אונזער שטאָדט דער קרייז-אַרבייטס-אינספּעקטאָר אויף די קעלצער וואָיעוואָודזטווע ה' וויזשיקאָווסקי, וועלכער האָט זיך בעמיהט דעם סכסוך צו ליקווידירען.

די קאָנפערענץ אין אַרבייטס-אינספּעקטאָראַט האָט נישט געבראַכט צו קיין רעזולטאַט צוליב דער ענטשלאָסענער שטעלונג פון די שטרייקענדע, וועלכע פערלאַנגען צו העכערען זייערע לוינען און צוצונעמען צו דער אַרבייט די ענטזאָגטע אַרבייטער.

ווען דער קרייז-אַרבייטס-אינספּעקטאָר האָט ערקלערט די אַרבייטער, אַז זייערע פאָדערונגען קאָנען נישט נאָכגעגעבען ווערען צוליב'ן מאַנגעל פון געלדפאָנדען, האָבען די דעלעגאַטען ערקלערט, אַז זיי וועלען זיין געצוואונגען דעם שטרייק צו פערשאַרפען.

אַ צוג איז אַרויף אויף אַ פוהר.

אויפ'ן באַהן-פּשעיאַזד צווישען גאַלאָנאַג און זאַמבקאָוויץ איז אַ פראַכט-צוג אַרויף אויף אַ פוהר מיט קוילען, וואָס געהערט צום פויער וואַטאַלאַ פון דאָרף מיעזשעטשיץ.

וואַטאַלאַ האָט נאָך געוויזען אַראָבצושפּרינגען פון דער פוהר, אויך דאָס פערד איז דורך אַ גליקליכען צופאַל אַרויס גאַנץ פון פאַרפאַל, דאַגעגען דער וואָגען איז גענצליך צעשמעטערט געוואָרען.

פון ספּאָרט
לייכטאַטלעטיק.

דעם פערגאַנגענעם זונטאָג זענען פאָרגעקומען אויפ'ן סטאַדיאָן פון מאַרשאַל פּילסודסקי די אויבערשלעזישע מייסטערשאַפטען אין פינף-קאַמף פאַר מענער און דריי-קאַמף פאַר דאַמען.

די רעזולטאַטען זענען פאָלגענדע:

מענער פינף-קאַמף: 1) סאָביק, 2) קאָש (ביידע סטאַדיאָן קעניגסהוטע), 3) באַרטאַשעק (סאָסנאָוויץ), 4) וויעטשאָרעק (וויקטאָריאַ), 5) קלוטשעווקי (בריגאַדאַ).

דאַמען דריי-קאַמף: 1) די פּוילישע מייסטערין אין דריי-קאַמף פּרל. שיקאַרזאַנקאַ, 2) די פּוילישע מייסטערין אין 60, 100 און 200 מעטער לויפען פּרל. אָרלאָווסקאַ (ביידע סטאַדיאָן), 3) פּלוטשיקובנאַ (בריגאַדאַ), 4) אָרזעלובנאַ (סטאַדיאָן), 5) פּרל. נירענבערג (מכבי).

עס איז ווערט צו בעמערקען, אַז פּרל. נירענבערג האָט אין 100 מעטער-לויף בעזיעגט פּרל. אָרזעלובנאַ, וועלכע איז וויצע-מייסטערין פון פּוילען אין הויך-שפּרינגען און אין 800 מעטער הירדען (דורך פּלעטער) לויפען.

UWAGA! Chemiczna Pralnia i Farbiarnia **UWAGA!**

„KRYSZTAŁ“

w Częstochowie, Ber. Joselewicza 2 (dawn. Ogrodowa 15).

Przyjmuje do chemicznego czyszczenia i farbowania wszelką garderobę. Stosując się do obecnego kryzysu gospodarczego, obniżyliśmy ceny:

za garnitur **5** zł., za płaszcz **5** zł, sukienki od **2** ch zł. oraz do prania bieliznę wszelkiego rodzaju.

ZA KOŁNIERZYK Z POŁYSKIEM WIEDEŃSKIM **14** GR.
ZA KOSZULE " " **50** "

Zapewniając najsolidniejsze wykonanie, polecam się uwadze Sz. Klijenteli.

Z poważaniem

Chemiczna Pralnia i Farbiarnia „KRYSZTAŁ“.

ענדליך איז פערשוואונדען

מײַן פערעלטערטער הינער-אויג (אָטשיסק)

ווײַל „לעבעוואָהל“

איז אַ אונגעוועהנליך מיטעל.

פאָדערט אין אַלע אַפּטייקען און אַפּט-סקלאַדען

LEBEWOHL

אינלענדישע אויסאַרבייטונג.

אַכטונג עלטערן!

די עלטערן, וועלכע האָבען בדעה, אַז זייערע קינדער זאָלען שטודירען אין קאַטאָוויץ, אין די פאָלגענדע שולען: האַנדעלס-שולע, קאָנסערוואַטאָריום, האַנדווערקער-שולע, וועלכע זענען מלוכה'שע און די אָבצאָהלונגען זענען מינימאַלע און ווילען, אַז זייערע קינדער זאָלען האָבען גלייכצייטיג גוטע בעקעסטיגונג און אויך זיין אונטער אַ זעלטענער השגחה זאָלען זיך ווענדען אין רעדאַקציע „טשענסטאָכאָווער צייטונג“, וואו זיי וועלען בעקומען גענויע אינפאָרמאַציעס.

נוצט אויס די געלעגענהייט!

לעצטע טעג די ערשיטערענדע דראַמע

TAJEMNICA Gwiazdy FILMOWEJ

אין די הויפּט-ראָלען: **סוזי ווערנאָן** און **קאָנסטאַנטין רעמי.**

אויסערדעם: קלאַנג-וואָך און אַ קאָמעדיע.

Kino „LUNA“

dawniej „Grand“

קאָשטשושקי גאַס.

לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

Redaktor i wydawca: B. Bocian | Druk. B. Bocian, Aleja 6